START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1891.3

Bresler, Wolf.
Monish : nekhtn haynt un morgn : a muzikalish stsenish Peretsyade in dray aktn
Buenos Ayres, 1935.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1891.3

Bresler, Wolf, 1892-
Monish : nekhtn haynt un morgn : a muzikalish stsenish Peretsyade in dray aktn ...
Buenos Ayres : [s.n.], 1935.
72 p. ; 24 cm.

1. Peretz, Isaac Leib, 1851-1915. 2. Yiddish drama.--lcsh
I. Argentina-Buenos Aires

ID : NXYH01-B15811 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /8867

Reduction ratio X 10.0

צאַניש
יהודה

2|8867

וואָלף ברעסלער

מ אָ נ י ש

(נעכטן, היינט און מאָרגן)

א מוזיקאַליש
ס צ ע נ י ש ע
פ ע ר ע צ י אַ ד ע

אין 3 אקטן און 12 בילדער
מיט א פּראָלאָג און עפּילאָג

2/8867

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט

ב ו ע נ אָ ס   א י ר ע ס
1 9 3 5

אויפפירן אויף דער בינע אָן דער
לויבעניש פונם מחבר איז
געזעצלעך פאַרבאָטן.

שער־בלאַט און צווישן־פאָרהאַנג,
געצייכנט פון משה פייגנבלום.

צום דאָזיקן טעאַטער־שפּיל האָט דער
קונסט־מאָלער משה פייגנבלום
צוגעגרייט דעקאָראַציע־פּראָיעקטן.

וועגן אַלע ענינים זיך ווענדן
Wolf Bresler - Bustamante 830
Buenos Aires, Rep. Argentina

געזעצט און געדרוקט אין
דרוקעריי „קולטור" פון
מושקאַט און זאַסלאַווסקי
סאַרמיענטאָ 2157, ב. איירעס.

מיין התנצלות

איך האָב געוואַגט צו נעמען די באַלאַדע „מאָניש" פון י. ל. פּרץ און זי פריי באַאַרבעט אין אַן אַקטועלער פאָרם פאַר דער בינע.

דער העלד מאָניש איז דאָ דער אויסדרוק פונם נביאישן גייסט, קעגן וועמען עס פירן תמיד אַ מלחמה אַלע שלעכטע כחות פון דער וועלט. („און ברענגען משיחן חלילה וחס"! — שד — אין „מאָניש" פון י. ל. פּרץ.)

אין הסכם מיטן אינהאַלט פון מיין אַקטועלער טעאַטער־באַאַרבעטונג פון דער באַלאַדע, האָב איך נאָר צוגעזעצט צום נאָמען „מאָניש" פאָלגנדע ווערטער:

— „נעכטן, היינט און מאָרגן —"

אַלע פּאַרשוינען פונם טעאַטער־שפּיל „מאָניש" זיינען טיפּן און פיגורן פון י. ל. פּרצס מעשות און דיכטונגען, גענומען ראשית פון דער באַלאַדע גופא ווי אויך פון אַ ריי אַנדערע זיינע דערציילונגען און געדיכטן.

די טעקסטן זיינען על פי רוב אַרויסגענומען פון פּרצס שאַפונגען, כדי אָבער צו דערגענצן די דראַמאַטישע האַנדלונג, ווערן די געדיכטן אָדער דיאַלאָגן אַריינגעפלאָכטן אין די מיילער פון די פּאַרשוינען פון „מאָניש", נישט רעכענענדיק זיך דערמיט וואָס ביי פּרצן אין אָריגינאַל זיינען זיי נישט פאַראַן. (למשל, דאָס געדיכט פּרצס: „מיין נישט די וועלט"... וואָס עס זאָגן גאָר מאָניש און דער ביאַלער רבי צום ראש־הקהל).

אַ חוץ דעם, איז נאַטירלעך נויטיק געווען צוצוגעבן אַנדערע טעקסטן, כדי אַזוי אַרום צו שאַפן דעם אַקטועלן דראַמאַטישן געבוי און טעאַטראַלע בונטקייט אין דער דאָזיקער סצעניש־ער פּערעציאַדע.

צי מיין באַשיידענע אַרבעט איז מיר געלונגען, זאָל דער קריטיקער און לייענער דעריבער אורטיילן.

וואָלף ברעסלער.

איך דאנק דעם חשובן קאָמיטעט, וועלכער האָט
זיך באַמיט אַרויסצוגעבן דאָס בוך, אין אַ
שיינער פאָרם, לכבוד דעם צוואַנציקסטן
יאָרצייט פון אונזער גרויסן
אומשטערבלעכן שריפטשטע־
לער און דיכטער
י. ל. פרץ.

פערזאָנען:

מאָניש
זיין מוטער
אשמדאי (שפעטער — דער דייטש)
לילית (שפעטער — מאַריע)
רייכסשד (שפעטעה — אַדאָלף קוטשער)
באָנציע שוויג
ביאַלער רבי
בערל חנציעס (משוגענער בטלן)
ערשטע נייטאָרן
צווייטע נייטאָרן
דריטע נייטאָרן
כעלמער מלמד (יצר הרע)
שווארצער מלאך
ווייסער מלאך
אַ דינער ביי אשמדאי
רחב הזונה פון די שדיכעס
פרץ־גייסט
בערל קאלבאס
רב, שמש, שוחט, מאַרשאַליק, בטלנים, אידן, אידענעס, קלעזמאָרים, קינדער, אַרבעטער, שדים, שדיכעס, חסידים, האַקנקרייצער, פויערים, פויערטעס, בית־המדרש־בחורים, בעטלער, בעקער, בעקערן, שכנטע, ראש הקהל.

די האנדלונג קומט פאָר אין א קליין שטעטל אין פוילן
הארט ביי דער דייטשער גרענעץ און אין דייטשלאַנד.
צייט: געוועזענע און היינטיקע.

איידער דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, שפּילט דער אָרקעסטער אן אָווער־טורע, דערנאָך זינגט דאָס כאָר (צום ערשטן סאָפּראַן סאָלאָ):

„גיסט צו בוימל, פּוצט די קנויט,
ווייל שלאָף איז גיפט און נאַכט איז טויט".

באסן סאָלאָ (ענטפערט):

און נאַכט איז טויט.

פאָרהאַנג הייבט זיך אויף.

פּראָלאָג

ערשט בילד

אַ פארוואָלקנטער הימל, זון־אונטערגאנג. אויפן בארג אררט, שניי־בערג. אין הינטערגרונט ברענט א פלאמענדיק גיהנם־פייער. שדים מיט קריגלעך גיסן צו בוימל צום פייער־קעסל. ליכט — רויט־גרין. אינמיטן שטייט א זיבנטרע־פּעדיקער פעלזנשטיין, פון בײדע זייטן צו דריי טרעפּ. אויף זיי זיצן זעקס האַלב־נאַקעטע שדיכעס. גאנץ אויף די אויבערשטע טרעפּ זיצט האלב ליגנדיק אשמדאי און רויכערט א לאנגע ליולקע. רעכטס שטייט לילית ביי א באלויכ־טענעם שפּיגל־שטיין און צוויי שדיכעס קעמען אירע שווארצע לאָקן און באַ־שפּריצן זי מיט פּערפום.

ס'הערט זיך אַ קלינגען און א שאלן ווי אויך א שטאַרצן־קלאַפּעריי. עס באַווייזט זיך א שדים־באַלעט פון זעקס שדים און זעקס האלב־נאַקעטע שדיכעס. די מענער אין שווארצע טייוולס־קאָסטיומען און די פרויען אין רויטע דע־קאָלטירטע באל־קליידער.

בעת ס'ענדיקט זיך דער שדים־באלעט, טרינקען אלע וויין און שרייען:

אלע: פּראָזיט! פּראָזיט!

שד: צום געזונט פון אונזער קעניגלעכער מאיעסטעט אשמדאי! !

אלע: האָך! האָך!

שדיכע: צום געזונט פון אונזער מאיעסטעט, קעניגין לילית! !

אלע: האָך, קעניגין לילית! האָך! ! פּראָזיט! ! אלע טרינקען וויין, ווארפן אַוועק די גלעזער הינטער דער בינע. ס'הערט זיך א צעברעכן פון גלע־זער, לוסטיקע מוזיק און געלעכטער.

כעלמער מלמד

טאַנצט אַריין מיט צוויי שדיכעס מיט טאמבאָרינעס אין די הענט אָנגעטון אין א קאָסטיום האלב חסיד האלב דייטש, א גראָטעסק־פיגור.

כ ע ל מ ע ר : אָט זיינען מיינע צוויי באַגלייטערינס, לאַנג לעבן זאָלן זיי מיר!...

ל י ל י ת : קום, כעלמער מיין טייערער, וועלן מיר מאכן א טענצל.

אַ ל ע : בראַוואָ, בראַוואָ! אַ טענצל! אַ טענצל! — מוזיק שפּילט. כעלמער מיט ליליתן און די צוויי שדיכעס טאַנצן.

ל י ל י ת : איצט, כעלמער, דארפסטו אראָפּגיין אונטן און עפּעס ארויפברענגען נייע העכט — איראָניש — גאָטס ריינע צדיקימלעך, וואָס זאָגסטו, מיין מאַן,

א ש מ ד א י : גענעצט. —יאָ, גאָטש סטראַפּטשעס, כעלמער.

אַ ל ע : לאַכן. — נו, כעלמער, צו דער אַרבעט!

כ ע ל מ ע ר : צו וואָס דארף איך ברענגען נייע צדיקים, אז קיין מבול וועט שוין גאָט סיי ווי סיי מער נישט ברענגען.

א ש מ ד א י : א מבול פון וואסער האָט ער געשוואוירן מער נישט צו ברענגען, — מ'זעט דעם רעגנבויגן, וועלכער פארשווינדט צווישן די וואָלקן. אָבער א מבול פון פייער קאָן ער יאָ ברענגען!...

אַ ל ע : ריטמיש. — יאָ, א מלחמהלע„ — צעלאַכן זיך ווילד.

ל י ל י ת : און צו וואָס לעבסטו, כעלמער, אויב נישט צו כאַפּן עפּעס א פּאָר נייע פריש־געבאַקענע נשמהלעך פון גרויסע צדיקים? אָבער די אמתע העכט! — פאַרוואַרפט דעם קאָפּ קאָקעטיש. אירע לאַנגע אויערינגלעך טרייסלען זיך.

כ ע ל מ ע ר : דעם אמת געזאָגט דארף איך היינט מער נישט אַר־בעטן אַזוי שווער ווי פריער, היינט איז מיין פרנסה שוין אַזוי איינגעאַרבעט, אז איך האָב כמעט נישט מער וואָס צו טון. אָט די קורצע קליידלעך מיט די גרויסע דעקאָלטלעך... מיט... מיט די טאַנץ־קאַבאַרעטן, מיט די מאַסקן־בע־

לער... ווער דארף אַרבעטן, ווער?.. דאָס שעפּעלע קריכט דאָך דעם וואָלף אַליין אין האַלז אַריין, א פארגעניגן... כא, כא, כא!

א ש מ ד א י : און דאָך האָסטו נאָך היינט קיין איין קליענט נישט געבראַכט, וואָס איז דאָס? היינט איז דאָך נישט יום כיפור.

כ ע ל מ ע ר : כא, כא, כא! איך לאַך פון יום כפור, איך האָב פאר א יאָרן נאָך „כל־נדרי" געכאַפּט פיר צדיקישע נשמהלעך, סאַמע שמן זית, ערשטע קלאַס.

א ש מ ד א י : בייז. — נו, הער אויף צו טענהן, שנעלער אראָפּ אונטן!

א ל ע : אראָפּ אונטן!

די טענצער, שדים און שדיכעס, הויבן אָן אראָפּצומארשירן פון בארג. כעלמער בלייבט פון הינטן. פלוצלונג הערט זיך אַ סיגנאַל פון אַ טרומפּייט. ס'קלינגט.

דינער

ד י נ ע ר : דערשראָקן. — גנעדיקע מאַיעסטעט! דער רייכס־שד איז פלוצלונג געקומען צו פליען.

א ש מ ד א י : שפּרינגט אראָפּ פון אויבן. — אריין!

די שדיכעס פון ביידע זייטן טרעפּ שטעלן זיך אויף.

רייכס־שד

אין באַגלייטונג פון פיר האַקנקרייצער־טיוואָלאָגים אין ברוינעם קאָסטיום, מיט אַ האַקנקרייץ אויף דער ברוסט, שפּאַרן אויף די הויכע שטיוול, האַלבמילי־טעריש. באַגריסט אים מיטן פאשיסטישן האַנט־הויב.

ר יי כ ס ש ד : הייל, קעניג אשמדאי!

א ש מ ד א י : באַגריסט אים אויך פאשיסטיש. — הייל, רייכס־שד, הייל!

ר יי כ ס ש ד : דראָענד און דערשראָקן: — קעניג אשמדאי, עס ציטערט דיין טראָן!

אשמדאי: וואָס איז געשען, הער באראָן?

רייכסשד: זיי וויסן, גרויסער קעניג פון שדים און רוחות, אז די אידישע גאונים, די אידישע מוחות, די אידישע קעפּ האָבן ריזיקע כוחות! זיי ווילן פאר זיך די גאנצע וועלט פארכאַפּן. אלע אוניווערזיטעטס־קאטעדרעס האָבן זיי שוין באזעצט מיט זייערע פּראָפעסאָרן, וואו מ׳קערט זיך אין וואו מ׳ווענדט זיך, אומעטום איז פאראן דער אידישער זשעני. אלע טעאַטער־בינעס, צייטונגס־רעדאַקציעס זיינען דאָך פול מיט די אידן. מוזיקער, שריפטשטעלער, דיכטער, קונסטמאלער, סקולפּטאָרן און אפילו הויך־פּאָליטיקער. אלע זיינען זיי דאָך אידן... מיט איין וואָרט, זיי האָבן שוין די גאנצע וועלט פארפלייצט.

די האקנקרייצער: בייז. — יאָ, יאָ!

רייכסשד: די אידן האָבן געשלאָסן איין האנט מיט אלע פרייע גייסטער און ווילן אונז, שדים, פון דער וועלט אַפּראַמען.

די האקנ: אלע די אידן, יאָ, יאָ!

אשמדאי: אלזאָ, צו דער זאַך!

רייכסשד: אלזאָ, ווי לאַנג איז דאָס דער שיעור צו דולדן, אן ענדע מוז עס נעמען! אידנריין! שדים־לאַנד מוז ווערן אידנריין.

די האקנ: ריטמיש. — שדים־לאַנד מוז ווערן אידנריין!

רייכסשד: שדים־לאַנד איבער אלעס!

די האקנקרייצער: שדים־לאַנד איבער אלעס!

כעלמער: אַפּאַרט. — אלטע, אויסגעדראָשענע דרשות!

אשמדאי: אָבער פאקטן, געוויסע פאקטן גיב.

רייכסשד: לייענט דעם ראַפּאָרט. צוויי האַקנקרייצער וויקלען אויף די פּאַרמעט־מגילה:

אין קעניגרייך פּוילן
האָרט ביי דער גרעניץ,

ליגט זיך א שטעטעלע
גרוים ווי א געניץ.
און קוים וואָס מען זעט עס,
מען הערט עס אויך זעלטן,
הייזלעך ווי ניסלעך
פון שמות געצעלטן,
און שטיל ווי א קברות,
מענטשן ווי מתים,
קיין גאוה, קיין תאוה,
מ׳לעבט פון תעניתים.

אשמדאי: אָבער פאקטן, פאקטן וויל איך!

רייכסשד: העכער: —

איצט וואקסט דאָרט א גאון,
וואָס וועט פארשעמען
גאנץ בייערן און פּרייסן
און לאָזטו אים וואקסן
און לאָזטו אים פריי,
דאַן איז חלילה
די גאנצע וועלט פאַרביי!..
וועט ער אונז יאָגן
מיט שרעקלעכן האס
און ברענגען משיחן
חלילה וחס!

די האקנ: משיחן... יאָ, יאָ, יאָ!

אלע. שטוינענד. — ברענגען משיחן? — ווי פון אַן עכאָ הערן זיך אויסגעשרייען: „ארבעט! ברויט און אַרבעט! נידער מיטן קאפּיטאַליזם! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!

רייכסשד: שטוינט. — איר זעט, — אלע קוקן אַראָפּ. — איר הערט? דאָס אלעס איז אידישע ארבעט. די אידן, נאָר זיי פארשפרייטן די

מרידה - פעסט אויף דער וועלט. אלץ די אידן! יאָ, א קאמף מוזן מיר דערקלערן דעם אידישן גייסט. מיר מוזן כאפּן דעם אידישן גאון און אים ערגעץ פארשטעקן, ס'זאָל נישט קרייען קיין האָן.

די האַקנ: יאָ, יאָ, יאָ, יאָ! — ס'הערן זיך דויטלעכער קולות: נידער מיט דער ארבעטסלאָזיקייט! א טויט דעם פאשיזם און קאפּיטאַליזם! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!!

הייכסשד: איר הערט? דאָס איז אלץ א אידיש שטיקל ארבעט. נאָר זיי, די אידן, ברענגען אומגליק אויף דער וועלט.

אשמדאי: וואָס איז אלזאָ צו מאכן?

רייכסשד: דערקלערן א הייליקן קאמף דעם אידישן גייסט.

אלע: א הייליקן קאמף!

רייכסשד: כאפּן דעם אידישן זשעני!

אלע: כאפּן דעם אידישן זשעני!

רייכסשד: א טויט דעם אידישן גייסט!

אלע: א טויט דעם אידישן גייסט!

אשמדאי: רייבט זיך דעם שטערן, קלערט א ווײַלע. — פאַרוואָס האָסטו מיר עס פריער נישט געמאָלדן?

רייכסשד: איך האָב קיין מאָל נישט געהאט אונטערצונעמען דעם ריזיקן קאמף.

אשמדאי: בייז. — וואו ביסט דו געווען, כעלמער, פארוואָס לאָזטו וואקסן אזעלכע אידישע גאונים אויף דער וועלט? זיי קענען דאָך פון אונז אלע א תל מאכן, הא?

כעלמער: גנעדיקער קעניג! איך ארבעט שוין יאָרן מיט יאָרן אויף בייצוקומען דעם אידישן גאון, אָבער ס'גייט נישט!

אשמדאי: ווי הייסט ער דאָס דאָרט, דער נייער אידישער גאון?

הייכסשד: קוקט אין ראַפּאָרט: — ער הייסט מאַ־ניש. — עס דערהערט זיך אַ שרעקלעכער דונער.

כעלמער: לאכנדיק אַפּאַרט. — ער ווייסט פון גאָרניש!

אשמדאי: גיט א פּאטש מיט דער האַנט. — רחב הזונה!

רחב
דערשיינט האלב נאַקעט, באגריסט אים פאשיסטיש

רחב: גנעדיקע מאַיעסטעט, קעניג אשמדאי!

אשמדאי: דו וועסט אראָפּנידערן און מיר כאפּן דעם אידישן גאון, איינעם מיטן נאָמען מאָניש.

רחב: צו אייער דינסט, גנעדיקער קעניג. — צום כעלמער. — עפּעס א שיינער בחור?

כעלמער: די נוס איז צו הארט און איך ווייס נישט, צי אפילו רחב הזונה וועט זי קענען איינבייסן...

אשמדאי: נערוועז, גייענדיק, רייבט דעם שטערן. — געוואַלד, לילית קרוין, אָן עצה גיב שוין, אזוינס קאָן דאָך די וועלט איבערקערן!

לילית: פאַרלייגט די הענט אויף די היפטן. —

די נוס איז הארט,
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין,
נצחון איז זיס — צו די שדים: —
גרייט אָן די שפּיז,
דער בראָטן וועט קומען אליין. —

דינער טראָגט צו פרישע גלעזער ווײַן.

אלע: פראָזיט! צום געזונט פון קעניגן לילית. — ווארפן ווידער אַוועק די גלעזער.

לילית: קום מיט מיר, כעלמער, אויך דו, מיין טייערער אשמדאי, און דו, רייכס־שד, קומט אלע מיט מיר. איר, מיט אייערע סוחרישע שפּעקולאציעס, וועט פארפירן די פּראָסטע אידן און איך מיט

דעם כישוף פון מיין ליבע וועל פאַנגען דעם אידישן זשעני מאַניש. כאַ, כאַ, כאַ!

אלע: פּאַטשן. — בראַוואָ! מיט גליק! בראַוואָ! מאַניש, מאַניש, ס׳איז גאַרניש מיט גאַרניש!... — אַלע אַפּגייענדיק זינגען.

גיסט צו בוימל
פּוצט די קנויט,
ווייל שלאָף איז ניפּט,
און נאַכט ייז טויט.

בליצן, דונערן. עס ווערט פינצטער.

ביאַלער רבי אין פראָנט

גייט אַדורך מיט א לאַמטערן איבער דער פינצטערער בינע זינגט טרויעריק:

אידן האָט רחמנות,
זיי זוכן נקמה,
זיי ווילן פאַרניכטן
די אידישע אומה.

כאָר הינטער דער בינע זינגט פּיאַנאָ:

אידן! אידן!
טוט תשובה!
פאַסט תעניתים
פאַר מאַניש׳ס נשמה!

פאַרהאַנג פאַלט לאַנזאַם

ערשטער אקט

צווייט ביל̇ד

אין שיל־הויף. הינטערגרונט — די טיר פון בית־המדרש און דער פּאָליש. אויף די טרעפּלעך, וועלכע פירן צו דער ווייבער־שיל, זיצן אידן און בחורים מיט גרויסע גמרות און לערנען. אייניקע אידן דרייען זיך ארום אין די טליתים מיט פאַרשאַרטע קאַפּלען און שמועסן וועגן לערנען. רעכטס ביים אריינגאַנג צום בית־המדרש, אין פּאָליש, הענגט א נר־תמיד. אויפן הויף, ביים אַריינגאַנג צום פּאָליש שטייט א גרויס פּאָס מיט וואַסער. אייניקע אידן אין קאַפּלען, אנדערע אין שטריימלעך און אין גאַרטלען, שטעקן אריין די הענט אין פּאַס, אַרויסוואַרפנדיק פון דאָרט הויפנס מיט וואַסער. אין דער צווייטער זייט הויף שטייט א קליינע שוואַרצע עגלה. אין פּאָליש אין א ווינקל שטייען די חופה־שטאַנגען. אן עלטערער איד גייט אַריין אין בית־המדרש און לאָזט אָפן די טיר. מען זעט אינעווייניק ווי ביי א לאַנגן טיש, מיט צוויי פאַדערשטע פיס נידעריקערער פון די הינטערשטע, זיצן בחורים און עלטערער אידן און לערנען.

אלע: במה מדליקין ובמה אין מדליקין?

זיי זינגען די תלמודישע ראַפּסאָדיע פון א. ב. בירנבוים. אלע, וואָס זיצן אין הויף און אין פּאָליש, זינגען מיט אין כאָר. איין איד גייט ארויס פון בית־המדרש און פאַרמאַכט די טיר.

איד: צום רב. — איי, איי, איי! האָבן מיר עס א תכשיט, רבי! ער קאָן דאָך הונדערט בלאַט בבא קמא אויסווייניק, הונדערט בלאַט גמרא אַזוי ווי א וואַסער...

רב: איי, איי! אז איך בין געווען א ייִנגל, האָב איך אויך געקענט פופציק בלאַט בבא בתרא בעל פה און גאַנץ משניות פון מסכת שבת, געזאָגט ווי א מזמור, אויסווייניק.

שמש: שטאַמלענדיק. — ז..ז..זיי ד..ר..דערציילן אותות ומופתים פ..פ..פון אים ב..ב..באשר בכן ס..ס..ס'קומען שוין צ..צו אים ש.שאלות ותשובות מ..מ..מארבע פּ..פּ..פנות העולם.

איד: וועגן איסור והיתר אפשר!

פרוש: אודאי! און זיי רופן אים אָן: „מאור הגולה, סני ועוקר הרים". מ'שמועסט אפילו, אז ער וועט שוין באלד מתיר זיין עגונות אויך.

רב: מיט קנאה. — אזוי לאנג ווי איך וועל זיין מרא דאתרא — נישט. א חוצפּה! — גייט האסטיק אריין אין בית המדרש.

בערל חנציעס: זיי זאָגן, אז דער לאשטשעוור רבי זאָל לעבן קומט עקסטרע צופאָרן פארהערן אונזער עלוי מאַניש.

2-טער בטלן: אודאי! די גאנצע וועלט שמועסט, אז דער סני ועוקר הרים פון קאָזשיץ און דער מאור הגדול פון מאלבאָזשיץ קומען אומישנע פארהערן אונזער עלוי.

פרוש: און אונזער טיפּשעוואטער רב האָט גאָר קנאה.

1-טער איד: ער וויל אליין פירן גאנץ קהל ביי דער נאָז.

2-טער בטלן: איי, איי! לאָמיר טאנצן פאר שמחה, ס'איז אתחלתא דגאולה. — וויל טאַנצן.

שמש: ש..ש..שאַ! ז..ז..זיין מ..מ..מאַמע ג..ג..גייט!

מאַנישעס מוטער מיט אַ מוצא ברויט און אַ טעפּעלע קאַווע אין האַנט.

בערל חנציעס: הויך. — וואויל איז דעם טאַטן, וואָס האָט אזא זון, וואויל איז דער מאמען, וואָס וועט אים דערציען!

מוטער: קיין עין הרע, רבונו של עולם!

2-טער בטלן: וואויל איז דעם דור, וואָס אים פארמאָגט!

מוטער: קיין בייז אויג, רחום וחנון!

בערל חנציעס: אין משיחס צייטן ווערט אזוינס געבוירן.

ביאַלער פון בית המדרש, האלט מאַנישן ביי דער האַנט.

ביאַלער: אָ, ירושלים! עפן דיינע טויערן!

עס קומט ארויס דער רב און נאָך אידן. עולם מאַכט א וואַרע.

מאַניש

18 יאָר אלט. שוואַרץ־געקרייזלטע פּאות, קארמען־ליפּן, שוואַרצע ברעמען, בלויע אויגן. גייט שנעל. טיפּ פון א חריף.

מאַניש: דער רמב"ם מיינט, אז וויבאלד ער איז געווען א מועד און אדם מועד לעולם, קומט דאָך אויס נאָכן רמב"ם נאָך...

ביאַלער: הער מיך אויס, מאַניש, — די מוטער שטייט אין דער זייט און שעפּט נחת, גיט איבער דאָס טעפּל מיטן ברויט דעם שמש. נישט די הלכה איז דער עיקר. די הלכה איז צו טרוקן, דער מענטש איז תמיד מחויב צו זינגען „ברוך ד' יום יום". ער דארף תמיד זיין פריילעך און טאנצן, זינגען, לויבן השם יתברך מיט נגונים און רקידולעך, וואָס זאָלן זיין דורכגעזאפּט מיט רוח הקודש, מיט עליית הנשמה...

אידן: איי, איי! טייערע ווערטער! מתוק מדבש!

כעלמער מלמד שארט זיך אריין צווישן עולם

ביאַלער: צום כעלמער. — דו, נחש הקדמוני! דאָ זאָלסטו קיין שליטה נישט האָבן! גיי אין דיין רו אריין. — שטילט אָפּ לויפנדיק.

כעלמער: צעלאַכט זיך. — כ'וועל אים שוין כאַפּן, כאַ, כאַ, כאַ! אָפּ. אלע פאַרוואונדערט.

מאַניש: אָבער דער יצר הרע איז דאָך תמיד אין אונז, כי יצר לב האדם רע מנעוריו, דעריבער מוזן מיר זיך צוגעוואוינען פאר אים קיין מורא נישט צו האָבן.

ביאַלער: דאָס איז אן עובדה פאר א מענטשן נאָך די פּער־ציקער, אָבער נישט פאר אזא בחורל ווי דו, מאַניש, דו ביסט נאָך בבחנת דם רותחת, אין דיר קאָכט נאָך אלעס... און דער מינדסטער שאָרך פון יצר

הרע רחמנא לצלן קען דיך חס ושלום אראָפּפירן פון דרך הישר.

מ אַ נ י ש : פּאַטעטיזירט. —
רבי, איך ווייס, אז די וועלט איז א ים, ברייט אָן א שיעור.
דער פישער איז דער שטן, די פיש זיינען מיר.
אָבער יערערער ווייסט אים, יעדערער קען אים,
דעם שמדניק, דעם שטן, דעם שר פון גיהנם.

ב י אַ ל ע ר : אָבער זעלטן איז עמעץ פון אים באשירעמט און באַהיט. אַט דיך צו באשיצן, גיי איך תמיד מיט דיר מיט.

מ אַ נ י ש : שוין טעג און נעכט, רבי — בסוד — ווי ער לאָזט מיך נישט צורו, רבי!

ב י אַ ל ע ר : האַקט איבער.—פּגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש כאַפּט מאַנישן ביי דער האַנט, שלעפּט אים אריין אין בית המדרש. אלע קוקן פארוואונדערט. קומט תיכף ארויס מיט א קריגל בוימל, גיסט אריין אין נר־תמיד, לויפט צוריק אַריין. שטימונגס־סצענע.

מ ו ט ע ר : רבונו של עולם! אין זכות פון זיינע גרויסע זיידעס און טייערע צדיקותדיקע באבעס, אין ליכטיקן גן עדן זיינען זיי, זאָל דאָרט זייער הייליקער זכות אים ביישטיין, אז ס'זאָל אים חלילה קיין עין־הרע נישט פארשאטן, טאטע דערבארעמדיקער אין הימל!

א ל ע : אמן ואמן!

אלע פארשווינדן איינציקווייז. די בינע ווערט טונקל. שמש טראָגט אריין דאָס טעפּל מיט דער מוצא ברויט, שטעלט עס אַוועק אויפן טיש, גייט ארויס, לאָזט אָפן די טיר. שמש פארשווינדט. העלער שיין פאלט אויפן קאָפּ פון מאַנישן, וועלכער זיצט אויבנאָן און לערנט מיט א ניגון.

מ אַ נ י ש : שור שנגח את הפרה, יאַ, יאַ. — זיין זיס קול צעטראָגט זיך ווייט. כעלעמער מלמד טאַנצט דורך די בינע.

כ ע ל מ ע ר . איך וועל אים שוין פאנגען אין מיין נעץ.

מאַנישעס ניגון הערט זיך טעלאַנבאַליש.

פ אַ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט ל אַ נ ג ז אַ ם

ד ר י ט ב י ל ד

פרימאָרגן. א גאַס. קליינע הייזקעס. ט'הערט דאָס קרייען פון די הענער. ביי אן אָפן פענצטער זיצן „די דריי נייטאָרינס” און נייען. די מאשינען קלאַפּן צו צום טאַקט פון זייער זינגען:

1-ט ע נ י י ט אָ ר ן:
— איך ניי און ניי!
איך ניי בייטאָג, איך ניי ביינאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט,
וואָס קומט ארויס איך ניי?

נישט איך שלאָף און נישט איך עס
איך וואָלט געגע'ן אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיט,
אן אלמן כאָטש, אָן אלטער איד
מיט קינדערלעך א שאָק...

2-ט ע נ י י ט אָ ר ן:
איך ניי און שטעפּ
איך שטעפּ מיר אויס נאָר גרויע צעפּ!
דער קאָפּ — ער ברענט,
די שלייף — זי האַקט

— מאַשין קלאַפּט —

און די מאשין קלאַפּט צו צום טאקט:
טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!
איך פארשטיי דאָך יענעמס וואונק,
אָן א חופּה, אָן א רינג,
וואָלט געווען א שפּיל, א טאַנץ,
א ליבע אויף א יאָר א גאַנץ,
נאָר דערנאָך, דערנאָך, דערנאָך?..

3־טע נייטאָרן.

— פאַרהוסט זיך און שפּייט אויס —

איך ניי מיך קראַנק,
איך ניי מיך בלינד!
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדן שטאָך
און ער האָט חתונה די וואָך!
איך ווינטש אים נישט קיין שלעכטס!

עס, פאַרגעסן וואָס אַמאָל,
תכריכים וועט מיר געבן קהל,
אויך אַ קליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן!

אַלע: זינגען. —

איך ניי בייטאָג, איך ניי ביינאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט —
וואָס קומט אַרוים איך ניי?

צוויי בעטלערס

איינער אַ הויקער און דער צווייטער אַ לאָמער מיט אַ האָלצערנער קוליע אונטערן אָרעם, שטעלן זיך אָפּ לעבן אָפענעם פענצטער, בעטן אַ נדבה. 1־טע נייטאָרן דערלאַנגט זיי אַ מטבעה. ס'קומט אָן אַ גראָבער איד מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם.

לאָמער בעטלער: צום גראָבן איד. — שענקט עפּעס אָן אָרעמער קאַליקע.

גראָבער איד: עטץ זיינט קראַנק צו גאָין אַרבעטן? — אָפּ.

הויקערדיקער בעטלער: צום גראָבן איד. — נו, גיט אַרבעט. ער האָט זיך שוין אודאי אָנגעפרעסן. — די בעטלערס דראָען אים מיט די פויסטן. — וואַרט! וואַרט!

ס'קומט אָן אַ אידענע מיט אַ זעקס יעריק מיידעלע, וועלכעס טאָרעט זי ביים קלייד.

אידענע: צום קינד. — אַז אויסגעראָטן זאָלסטו מיר שוין ווערן! — שלאָגט עס. — טאָרקע מיך נישט.

קינד: וויינענדיק. — ס'הונגערט מיך, גיב מיר אַ שטיקל ברויט!

1־טע נייטאָרן: דערלאַנגענדיק דורכן פענצטער דעם קינד אַ שטיקל ברויט. — נאַ, קינד לעבן און וויין נישט. — די אידענע שלאָגט דאָס קינד און ביידע פאַרשווינדן. מ'הערט דעם קינדס וויינען און דער אידענעס קללות.

מאַניש ברומט שטיל אַ גמרא־ניגון

מאַניש: איי, איי, איי, איי, איי, איי!

בעטלער: שענקט עפּעס פאַר אָרעמע קאַליקעס! — מאַניש גיט זיי ברויט פון זיין קעשענע, רייידנדיק שטיל מיט זיי אין אַ זייט.

1־טע נייטאָרן: מיט שטילער איבעראַשונג. — חנה אָדל! חנה אָדל! לייג אוועק פון האַנט די נאָדל, אונזער מאַניש לאָזט זיך הערן. אַלע דריי קוקן אַרויס דורכן פענצטער.

2־טע נייטאָרן: הוסט און שפּייט אויס. —

איך פרעס מיין הערצל מיטן ענטל — כאַפּט זיך ביים האַרץ
און דריק מיין אויער צו צום ווענטל,
און מיר קייקלען זיך די טרערן,
ווען אונזער מאַניש לאָזט זיך הערן.

מאַניש פאַרשווינדט מיטן זיסן גמרא־ניגון. די מיידלעך קוקן אים נאָך, זיין ניגון הערט זיך אַ ווײַלע הינטער דער בינע.

2־טע נייטאָרן: לויפט אַרויס אין גאַס, קוקט אים נאָך. זאָגט מיט באַדויערן:

אָך, מאַניש, מאַניש!
פון שיינעם לעבן געניסט ער נאַרניש.
קום אַהער צו מיר, מאַניש שיינער,
ס'דאַרף נישט וויסן קיינער, קיינער.

— קוקט זיך סודותדיק ארום —

ס'וועט זיין א שפּיל, אַ טאַנץ
אויף א יאָר אַ גאַנץ...

בערל קאָלבאַס, שכורלעך מיט א שטריימל אין האַנט.

בערל קאָלבאַס:

אָן חופּה־שטאַנגען קען מען אויך א מיידל פאַנגען... — 2־טע נייטאָרן לאַכט, לויפט אַריין, זעצט זיך ארבעטן. — מיין שטריימל! כאַ, כאַ, כאַ! איך ווייס דאָך יאָ, וואָס דערין שטעקט... — שטעלט זיך אוועק ביים פענצטער. איך זאָג, אז איידער דאָרט... היפּפּ... — שלוקערצט שכורלעך — איידער דאָרט אויפן שיל־הויף, היפּפּ... אויפן בערגל מיסט מיט דער רויטער, ברודיקער פּאַטשיילע און מיט היפּפּ... מיט מיין שטריימל, איז שוין טויזנטער מאָל שענער און בעסער דאָרטן, היפּפּ... דאָרטן אונטערן בלויען הימל, היפּפּ... מיט די מיליאָנען היפּפּ... מיליאָנען שטערן, ווייט פון מענטשן, פון גאָט אליין אפילו, דאָרטן אויפן גרינעם גראָז, היפּפּ... אויף דער גרינער לאָנקע, האַרץ צו האַרץ, מויל צו מויל... און בויך צו...

מיידלעך צעלאַכן זיך שטאַרק, פאַרמאַכן א האַלב פענצטער. בערל פאַרשווינדט. לאַכנדיק שיכורלעך.

בערל חנציעס

דרייסיק יאָר אַלט. אויסגעדאַרט. טראָגט איין שטיוול און איין קאַלאָש, צוגעבונדן די צעריסענע קאַפּאָטע מיט א גאַרטל. רעדט צום בטלן.

בערל חנציעס: צום בטלן. — איצט פעלט מיר שוין דריי טעג אין דער וואָך און כ'האָב נאָך געהאַט א שבת קבוע ביי ר' גדלען, איז ער געוואָרן אַן אלמן לא עלינו און גאָרנישט. מוז איך שוין איצט זוכן א נייעם שבת קבוע.

בטלן

אין די דרייסיקער יאָרן. טראָגט שטאַרק אָפּגעלאָזטע מלבושים, צעריסענע שטיוול.

בטלן. איך זאָג דיר בנאמנות, בערל, אז ביי מיר האָט דאָס עסן א ווערט כקליפּת השום. נאָר דאָס ערגסטע איז ביי מיר די שטיוול.

דער ווינטער רוקט זיך אָן און — ווייזט אויף די שטיוול — פאַרשטייסטו איך, השטיוול פּתחו את פּיהם ואומרים חדש ימינו כקדם... כאַ, כאַ, כאַ!

בערל: און מיין קאַפּאָטע — באַטראַכט זי. — אַמאָל האָט מיר נאָך טייבעלע פאַראָכטן אָדער געלייגט א לאַטע, און היינט...

2־טע נייטאָרן: דורכן פענצטער. — בערל חנציעס, קום אַריין, איך וועל דיר פאַריכטן די קאַפּאָטע.

בערל: קוקט זי אָן פון דער זייט, מעשה חסיד. — העַ? וואָס זאָגט איר?

1־טע נייטאָרן: זינגט אויפן קול. —
איך ניי ביי טאָג, איך ניי ביי נאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט...

ביידע בטלנים פאַרשטאָפּן זיך די אויערן.

בטלן: אוי וויי איז מיר! קול באשה ערוה... — ביידע אַנטלויפן. נייטאָרנס לאַכן.

באַנציע שוויינ

פערציק יאָר. טראָגט צוויי קאַנען וואַסער אויפן אַקסל, די פּאָלעס פאַרקאַטשעט און מיט א שטריק פאַרבונדן. שטעלט זיך אָפּ, באַקוקט זיין באַנדאַזשירטן פוס. עטעמט שטאַרק.

באַנציע: אוי, כוח, כוח.

שמש: שרייט הינטער דער בינע:

שמש: באַנציע! וואו ביסטו ערגעץ? — קומט ארויף אויף דער בינע. — באַנציע! — באַנציע כאַפּט זיך טראָגן די קאַנען. — דריי שעה כאַליעט ער דאָרט ביים ברונען. — שלאָגט אים. — ס'איז שוין א טאָג פאַר ערב פּסח, מ'דאַרף די טישן מיט די בענק שייערן און רייניקן, דער כיוּר איז ליידיק, מ'שפּייט זיך אויף די הענט און ער פאַרגעסט צוריקצוקומען. — שלאָגט אים שטאַרקער. — ביסט קראַנק צו זען, אז דאָס פאַס וואַסער זאָל תמיד זיין פול, א פינצטער לעבן אויף דיר!

מאַניש: קומט אָן, איז בלייך.

מאַניש: פאַרוואָס שעלט איר אים, פאַרוואָס? צי איז אים זיין לעבן נאָך ווייניק פינצטער?

די דריי נייטאָרנס קוקן ארויס דורכן פענצטער און קוועלן פון מאַנישעס ווערטער

שמש: לאָז ער אָפּקומען אויף דער וועלט.

מאַניש: שטרענג. — זאָלן אָפּקומען אויף דער וועלט די דאָזיקע, וועלכע זינדיקן; ניי, באַנציע וועט באַלד קומען. — שמש גייט אָפּ. באַנציע וויל נעמען די קאַנען, מאַניש וויל אים העלפן. — פאַרוואָס שרייט ער אויף דיר, האַ?

באַנציע שוויינג: ווייזט אויפן פאַרבונדענעם פוס. — דער פוס...

מאַניש: און פאַרוואָס שלאָגט ער דיך?

באַנציע: הויבט מיט די אקסלען, שווייגט.

מאַניש. קום, איך וועל דיר העלפן. — נעמט אָן א קאַן.

באַנציע: אין פאַרלעגנהייט. — מאַניש... מיר... העלפן... מאַניש... עילוי... כי, כי, כי!

מאַניש: קום מיט מיר, באַנציע, איך וועל תמיד זיין מיט דיר! — זיי נעמען די קאַנען און פאַרשווינדן.

נייטאָרנס: אַך, אונזער טייערער מאַניש! — קוועלן.

ס׳קומען אָן אָרעמעלייט, ווייבער, קינדער, אידן, אינגלעך.

1-טער איד: וואו איז עס געהערט געוואָרן, אז א טאָג פאַר ערב פסח זאָלן אָרעמעלייט נאָך נישט האָבן קיין מצות אויף יום-טוב?

2-טער איד: א גאַנץ יאָר איז נאָך ווייניק, וואָס מ׳דאַרט זיך איין די קישקעס.

3-טער איד: זאָלן זיי כאָטש געבן אביסל קאַרטאָפל.

יונג: אויב זיי וועלן נישט געבן צו עסן אויף פסח, וועלן מיר אריינגיין צו סטאַשעקן אין דער שענק און איך וועל זיין דער ערשטער וואָס וועל פרעסן א שטיק חמץ פאַר אלעמען אין די אויגן. זאָלן זיי געבן די אָרעמעלייט צו עסן אויף פסח, א רוח...

אידענע: זיי וועלן זיך פרעסן פעטע גענז און אונז ווילן זיי אפילו קיין ביסל קאַרטאָפל נישט געבן!

יונג: הערט מיך אוים, ס׳איז געקומען א צייט, וואָס, אז מיר וועלן נישט נעמען אליין, וועלן זיי, די אָנגעפרעסענע בייכער, אונז קיינמאָל נישט געבן. קיין ארבעט גיבן זיי נישט — ביז וואַנען איז דער שיעור אזוי צו הונגערן? מיר מיט אונזערע קינדער זאָלן פאַר הונגער אויסגיין און זיי וועלן, מאָרגן ביינאַכט, זיך זיצן ביים סדר און פרעסן די פעטע פיש און אינדיקעס, זויפן דעם טייערן וויין. ניין, קומט אלע מיט מיר, נישט קיין שנאָרערס זיינען מיר. נאָר מיר פאָדערן עסן.

אלע: יאָ, מיר גייען פאָדערן עסן. — אַלע גייען אָפּ. ס׳קומט אָן מאַניש, קוקט נאָך דער הונגעריקער מאַסע. באַנציע קומט מיט א גרויסן קאָרב אויף די פּלייצעס. פון ווייטן הערן זיך קולות פון די הונגעריקע: מיר הונגערן! מיר ווילן עסן!"

מאַניש און באַנציע

מאַניש. קוקט אים נאָך. — מצה שמירה פאַרן דאָזער... און מאָרגן ביינאַכט צום סדר וועט ער שרייען: „כל דכפין ייתי וייכול!" און קיין אָרעמאַן איבער דער שוועל נישט אריינלאָזן.

מ׳שרייט הינטער דער בינע: אָרעמע לייט ווילן עסן! פסח ווילט איר מאַכן און מיר זאָלן שטאַרבן פון הונגער? — מאַניש קוקט צו דער מאַסע, דאָס געשריי ווערט גרעסער.

מאַניש: אַך, סאַרא פאַלשע וועלט! סאַרא פאַלשע וועלט! לויפט האַסטיק אָפּ.

פאָרהאַנג

פערט בילד

א קליין הויז אין א גאס. צוויי פענצטער, אונדערמיט א טיר. פון פאָרנט, ביים ארייגאַנג — אַ צוים מיט א קליין גערטנדל. אויף די פענצטער אינעוויניק שטייען בלומען־טעפּ און ס'הענגען שייבע גארדינען.

איידער דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, הערט מען די געשרייען פון דער מאסע: „מיר ווילן עסן! מיר הונגערן!"

א ל ע : מיר הונגערן!

1־טער איד : אידן, ס'איז שוין ערב פסח און דער דאָזער מאכט זיך נישט וויסנדיק. מיר וועלן אפילו יום טוב דארפן הונגערן. לאָמיר אריינגיין בעטן, זאָלן זיי אונז געבן כאָטש אביסל קארטאָפל. לאָמיר פאָדערן אַלע צוזאמען, וועלן מיר גיכער פועלן ביי אים.

יונג : אז נישט וועלן מיר היינט ביינאַכט מאכן אין שיל א גרויסן טומל און מאָרגן וועל איך זיין דער ערשטער, וואָס וועל ארויסגיין פראנק און פריי אין מארק עסן אַ שטיק חמץ אין פסח, זאָל קומען א רוח אין זיין טאַטן אריין.

3־טער איד : שאַ! סטראשע נישט קיינעם. איך האָב מורא, אז איבער דיר וועלן מיר גאָרנישט קריגן. סטראשע נישט, מיט גוטן וועלן מיר א סך מער מאַכן.

יונג : יאָ, מיט גוטן וועלן זיי אונז לאָזן אויסציען די קאָפּיטעס... פארוואָס קומט ער, דער שיינער איד, נישט ארויס אפילו רעדן מיט אונז א וואָרט?

באָנציע קומט אָן מיטן קאָרב מצות

יונג : אָט זעט, ער האָט זיך שוין פארזאָרגט מיט מצות, מיט גענז, מיט אינדיקעס. — ער רייסט אַראָפּ באָנציען דעם קאָרב מיט די מצות. איינער כאַפּט ארויס א מצה.

באָנציע : שרייט איינגעהאַלטן, היסטעריש. — נישט מיין מצה,

נישט מיין, נישט מיין... — ס'קומט אָן די בעקערן אין א ווייסן פאַרטוך, דערזעט ווי מ'כאַפּט מצה.

בעקערן שרייט:

בעקערן : שלוימע—ע! שלוימע—עע! אונזער פּראצע! לאָבוסעס! — דער בעקער קומט אָן.

בעקער שמייסט באָנציען מיט א רימען

בעקער : נא! נא! נא! נא! אז מ'גיט דיר צו טראָגן א קאָרב מצות זאָלסטו וויסן, דו זאָלסט נישט לאָזן די שנאָרערס כאַפּן, דו בהמה־קאָפּ. — ס'קומט אָן מאָניש.

מאָניש צום בעקער, שטרענג:

מאָניש : וועמען שלאָגט איר, וועמען?

אלע : וועמען שלאָגט איר, וועמען?

יונג : זיי וועלן זיך אָנפרעסן צעזעצטערהייט מיט מצות, פיש גענז און טרינקען דעם בעסטן ווייַן — איראָניש — אויף ארבע כוסות.. און מיר זאָלן מיט אונזערע קינדער אויסּפייגערן ווי די הינט?..

ראש הקהל ביים פענצטער

ראש הקהל : שנאָרערס, גייט צו אלדע שוואַרצע יאָר! — דער בעקער נעמט באָנציען און שלעפּט אים אריין מיטן קאָרב אין דאָזערס שטוב אריין.

בעקער : צו באָנציען: — קום שוין, בהמה, קום! — ביידע אָפּ.

מאָניש : דאָזער רב לייב, ראש הקהל אונזערער! — סארקאַסטיש. און וואו איז דער פסוק אין אונזער הייליקער תורה: „וחי אחיך עמך!?

1־טער איד : לעבן און לאָזן לעבן!

אלע : לעבן און לאָזן לעבן!

יונג : איר וועט אייך אָנפרעסן מיט די פעטע אינדיקעס און

זיך אַנזויפּן מיט די טייערע וויינען און מיר זאָלן אויסגיין פאר הונגער?

מאַניש: איר וועט היינט שרייען „כל דכפין ייתי וייכול” און זיך פארשליסן אויף זיבן שלעסער, אז קיין אָרעמאן זאָל אייער שוועל נישט קענען אריבערטרעטן? ניין! ס'איז א פאלשע וועלט! וחי אחיך עמך!

גיימ האסטיק אַפּ. אַלע קוקן אים נאָך מיט באַוואונדערונג.

אלע: און עק זאָל עס נעמען!

יונג. א סוף מיט די רייכע, אַנגעפּרעסענע פארזאָרגער אונזערע!

אלע: א סוף!

יונג: אַלע גלייך!

אלע: אַלע גלייך!

די מאַסע פאַרשווינדט. ס'קומט אָן דער ביאַלער מיט מאַנישן. זיי זוייען אוים בלייך. ביאַלער קוקט שטארק אָן מאַנישן.

ביאלער: מאַניש, וואָס ביסטו אזוי פארמרה שחורהט, האַ? מאַניש, איך בין דיר מגלה, אז די גאנצע וועלט איז נישט מער נאָר א זמר און א טאנץ פארן רבונו של עולם. אלע זיינען מיר משוררים און זינגען זיין לויב, יעדער איז א משורר, דאָס גאנצע מענטשלעכע לעבן איז איין ניגון.

מאַניש: רבי, דאָס לעבן פון מענטש איז א ניגון, נאָר פאראַן פריילעכע נגונים און פאראַן טרויעריקע ניגונים — ס'קומט ארוים באַנציע מיטן ליידיקן קאָרב. ער האַלט זיך ביי די זייטן. — אָבער פארוואָס קומט עס איינעם צו זינגען זיין גאנץ לעבן בלויז פריילעכע ניגונים און א צווייטן — בלויז טרויעריקע ניגונים? פארוואָס, רבי?

ביאלער: מאַניש, מ'טאָר נישט מהרהר זיין נאָכן רבונו של־עולמס מעשים! וואָס רעדסטו, מאַניש?

מאַניש: ווי איז דעם מענטש, וועלכער לעבט זיך בלויז מיט זיין טרויעריקן ניגון, טרויעריק און אָן א תוכן, דאָס איז א געקרעכצעריי, דאָס איז שוין גאָר קיין לעבן נישט, רבי!

ס'הערט זיך פון וויטן א געטומל: „אונזערע קינדער שטאַרבן פון הונגער! מיר ווילן עסן!” א רויטער שיין פאלט אויף זייערע פּנימער. ביידע קוקן ווי די אָנקומענדיקע מאסע דערנענטערט זיך.

נאָטם באשעפענישן ווילן עסן און באקומען נישט... יאָ, רבי! ווייזט אויפן דאָזערס שטוב. — איינער זינגט זיין גאנץ לעבן פריילעכע ניגונים און דער צווייטער קרעכצט אָפּ זיין גאנץ לעבן מיט טרויעריקע ניגונים! איך פארשטיי נישט, ניין! איך פארשטיי נישט, רבי! — די קולות: מיר הונגערן! עסן! הערן זיך כסדר. — רבי! און דאָ אין דער שטוב וואָט ר' לייב, דער ראש הקהל שרייען היינט צום סדר: „כל דכפין ייתי וייכול” און פארשליסן די טירן, אז קיין אָרעמאן זאָל זיין שוועל נישט איבער־טרעטן. ער וועט זיך עסן און טרינקען פון אלעם גוטן, און דאָרטן, דאָרטן, רבי... גייען קינדער אוים פאר הונגער. איך מוז גיין מיט זיי, רבי!

ר' לייב ראש הקהל

באווייזט זיך אויף דער שוועל אין שלאָפראָק און אין קאַפּל.

ראש הקהל: וואָס ווילן זיי דאָרט, די שנאָרערס, כ'על באלד רופן פּאָליציי, על איך זיי לאָזן, על איך זיי...

ביאלער: האַקט אים איבער. — בעל גוף! מענטשן, וואָס זיינען באשאפן געוואָרן בצלם אלקים לאָזן זיך אראָפּ צו דער דאָזיקער נידעריקער מדרגה און ווייל זיי האָבן נעבעך קיין ברירה נישט, זיינען זיי פושטים את ידיהם. רופסטו זיי אָן: שנאָרערס! זיי ווייסן, ראש הקהל, אז געלט איז קיילעכדיק. — ביאַלער נעמט אָן מאַנישן ביי דער האַנט, וויל אים מיטנעמען מיט זיך.

מאַניש: נעמט האַסטיק ארוים זיין האַנט פון ביאַלערס, ווענדעט זיך צום ראש הקהל:

מיין נישט, די וועלט איז א קרעטשמע באשאפן\
מאכן א וועג מיט פויסטן און נעגל\
צום שענק־פאס און פרעסן און זויפן,\
ווען אנדערע קוקן פון וויטן\
מיט גלעזערנע אויגן פארחלשט\
און שלינגען דאָס שפּייעכץ\
און ציען צוזאמען דעם מאגן,

וואס ווארפט זיך אין קרעמפן —
אָ, מיין נישט, די וועלט איז א קרעטשמע!

— ביסלעכווייז פארזאמלט זיך ארום אים א גרויסער המון. —
מיין נישט, די וועלט איז א הפקר, באשאפן
פאר וועלף און פוקסן,
פאר רויב און פאר שווינדל,
דער הימל — א פאַרהאַנג,
אז גאָט זאָל נישט זען!
דער נעבל —
מען זאָל אויף די הענט דיר נישט קוקן,
דער ווינט — צו פארשטיקן
די ווילדע געשרייען,
די ערד — איינצוזאפּן
דאָס בלוט פון קרבנות
מיין נישט, די וועלט איז א הפקר! — מיט פּאַטאָס. — ניין!

ביאַלער:
די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין הפקר!
געמאָסטן ווערט אַלעס.
געוואויגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פארגייען,
אומזיסט ווערט קיין אויג נישט פארלאָשן!
פון טרערן ווערן טייכן,
פון טייכן ווערן ימים,
פון ימים — א מבול,
פון פונקען — א פייער —
אָ, מיין נישט, לית דין ולית דיין!

מאָניש: צו די מאסן: — איך גיי מיט אייך!

כעלמער: דורכטאַנצנדיק אין פאָדערגרונט. — דאָס וועלן מיר באלד זען!

מוזיק־אקאָרדן

פאָרהאַנג פאלט שנעל

צווייטער אקט

פינפט ביילד

ביוטאָג. א גרויסער האלבראנדער מארק, ארום און ארום קרעמלעך. אין הינטערגרונט זעט זיך א שמאָלע גאס, טונקל באלויכטן. ס'קומען אָן פון דאָרט אידן, פויערים און פויערטעס מיט קוישלעך. אייניקע וועגן מיט פערד שטייען נעבן די קראָמען, אינדערמיט מאַרק שטייט א ברונעם, פון וועלכן מ'שעפּט וואַסער. ביי די קראָמען שטייען אידן און שמועסן שטיל. אין עק גאס שפּילט א קאטערינקע. אויף איר שטייט אַ פּאפּוגיי. ארום און ארום שטייען אָנגעשטעלט קינדער. דער קאטערינטשיק ענדיקט דאָס שפּילן און גייט אָפּ. די קינדער לויפן אים נאָך. צוויי אידן מיט שטרויען אין די מיילער קומען אָן און שטעלן אָפּ די פויערטעס, באקוקן אייניקע הינער, אָבער זיי קויפן נישט. ס'קומט אָן באָנציע מיט צוויי ליידיקע קאנען און שטעלט זיי אוועק לעבן דער ברונעם. פון א קראָם הערט זיך א רופן: „,,באָנציע!" ער גייט דאָרט אריין. א קצב־יונג פירט דורך א קאלב, דרייענדיק עס ביים עק. פון א שענק הערן זיך האלב־שכורע קולות און געזאנגען. אויף א וואָגן זיצט א גויע און דרעמלט. ס'דערנענטערט זיך צו איר מיט וואקלדיקע טריט א שכורער גוי, טוט איר אַ שמיץ מיט דער בייטש. זי שפּרינגט אויף מיט א געשריי. ער נעמט פון וואָגן א גאַנז און גייט צוריק אין שענק. בלייבט שטיין אויף דער שוועל, שרייט אריין האָפּערדיק:: בערעק, יעשטשע יעדען ליטער וואודקי!

איבער א טויער הענגט א שילד מיט אן אויפשריפט: „זאַיאַזד" (אכסניה). דאָרט וואוינט בערל קאָלבאס. ס'הערט זיך פּלוצלינג א טרומייטערן און קלאַפּנדיקע טריט פון פערדישע פּאָדקאָוועס.

כעלמער דורכלויפנדיק.

כעלמער: שאַ-אַ! זיי פאָרן! זיי גייען!

שמש: לויפט ראַשיק אָן, האַלט א שופר אין האַנט — אידן! ס'פאָרן מענטשן, ס'קומען מענטשן! — טוט אַ בלאָז אין שופר און לויפט אָפּ.

בלאָזנדיק. פון אלע זייטן קומען אָן מחנות אידן, וועלכע קוקן מיט נייגעריקע בליקן אין דער זייט, פון וואַנען ס'קומט אָן דער וואָגן, דאָס קלאַפּן פון די פערדישע טריט דערנענטערט זיך, אין דער לופט הילכט אָפּ דאָס קנאַלן פון אַ בייטש.

בערל קאַלבאַס לויפט אָן אַ דערשוויצטער פון דער טונקעלער גאַס

בערל קאַלבאַס: באַנציע! באַנציע! — באַנציע לויפט ארויס פון אַ קליים. בערל קאַלבאַס שלעפּט אים צו דער טונקעלער גאַס. בײדע אָפּ.

1-טער איד: עס קנאַקט אַ בייטש.

2-טער איד: וואָס איז דאָס דער טייטש?

3-טער איד: ווען בלאָזט מען שופר,
דאָך אלול, נישט תמוז,
צי איז ער משוגע געוואָרן דער שמש?

4-טער איד: וואָס איז געשען,
צי האָט נישט דאָרט עמעץ משיחן געזען?

2-טער איד: קוקט אָנגעשטרענגט. —
אָך, ווער האָט אזא קלינגען געהערט,
עס פליען ווי רוחות נאַשפּיץ די פערד!

3-טער איד: און עס קנאַקט אָן רחמים די בייטש.

אלע. ריטמיש — וואָס טייטש?

ס'לויפט אָן אַ קראַנקע אידענע מיט אַן ארומגעבונדענעם קאָפּ; אַ מלמד מיטן קאַנטשיק אין האַנט; אַ שוחט מיט אַ האָן אין האַנט און מיטן חלף אין מויל; קינדער מיט ארויסגעלאָזטע הייזלעך; אַ טויבע אידענע.

טויבע: שרייט — געוואַלד אידן: וואו ברענט? וואו ברענט?

בערל קאַלבאַס קומט אָן פון דער טונקעלער גאַס

בערל קאַל: שאַ, שאַ! די מעשה איז גאָר פּראָסט,
אַ דייטש איז געקומען
פון דאַנציק מיט דער פּאָסט.

אלע: אַ דייטש? — מיט פרייד. — אַ דייטש? מאַכט אַ וואָרע! דער פאַרזאַמלטער עולם שטעלט זיך אויס ווי־זאַווי אין צוויי גלייכע רייען.

אדאָלף קוטשער און כעלמער

אדאָלף קוטשער אין אַ ברוינעם ספּאָרטקאָסטיום מיט אַ האַקנקרייץ־באַנד אויפן ארבל, אַ פּאָר גרויסע, ברוינע שטיוול אויף די פיס, אַ הוט מיט 2 פעדערן אויף ביידע זייטן אויפן קאָפּ. האַלט אַ בייטש אין האַנט. פירט דורך 2 גראָבע פערד צוגעדעקט מיט קאָלדרעס, אויף וועלכע ס'זיינען אויסגענייט האַקנקרייצן. טוט אַ קנאַק מיט דער בייטש.

אדאָלף: מאַכט דאָך פּלאַץ, דאָננערוועטעררר! — די אידן דער־שרעקן זיך, רוקנדיק זיך הינטערווײלעכץ מיט שטילער מורא.

בערל קאַל.: צום קוטשער. — אָט דאָ פירט אריין די פערד. ווייזט אים דאָס טויער פון זיין הויז. קוטשער פירט אריין די פערד. ס'הערן זיך טריט פון נאָך אַנקומענדע געסט.

אלע: צו בערל קאַלבאַס. — ווער איז עס?

בערל קאַל.: איר זאָלט אלע שרייען: ווילקאָמען! — ס'קומט אָן דער דייטש מיט זיין טאָכטער מאַריע. זי טראָגט אַ שוואַרץ הינטל מיט אַ שיטאַרץ קעצל, ער — שטייגלעך מיט קאַנאַרקעס. באַנציע טראָגט זיי נאָך עטלעכע וואַליזעס, קוים וואָס ער דערשלעפּט זיך.

אלע: שרייען: — ווילקאָמען! ווילקאָמען!

איד: שטאַמלענדיק: — ק..ק..אָמ..מ..מיר!

בערל קאַל. אָט אדאָ, הער דייטש, האָט איר צו אייער פאַר־פיגונג מיין האָטעל, אַלעס גוט און פיין, שיינע מעבלירטע צימערן, וואַסער קאַלט ווי הייס.

כעלמער: אָפּאַרט. — מיט וואַנצן און פליי־ביים... — לאַכט, שפּרינגט אָפּ אין אַ זייט. באַנציע פאַלט אויף דער שוועל מיט די וואַליזעס.

אדאָלף קוטשער

מיט אַ בייטש, טוט אַ שמיץ באַנציען, ער זאָל אריינטראָגן די וואַליזעס.

קוטשער: דאָננערוועטער! מאַך עס דאָך שנעלער, פאַר־פלוכטער!... — אָפּ.

בערל קאַל.: בייז צו באַנציען. — שלימזל, שנעלער טראָג אַריין אַלעס! — טוט אים אַ קאַפּע. רעדט צו מאַריען. — פּאַה איך, גנע־דיגעס פריילין, האָב איך אַ באַזונדער צימער, עקסטרע, אַזוי ווי איר ווינטשט זיך נאָר אַליין.

דייטש: שטעלט אַוועק די שטיגלעך ביים אַריינגאַנג. קוקט זיך אַרום פון אַלע זייטן. — דאָס איז דער שטאָט־מאַרק, שיינע געשעפטן. איראָניש צו מאַריען. — שוין באַלד ווי אין בערלין... — שרייט: — אַדאָלף, אַדאָלף! קום נאָר אַהער!

אַדאָלף: שרייט פון אינעווייניק. — איך בין פאַרנומען מיט די פערד.

1-טער איד: אַרויסנעמענדיק די שטרוי פון מויל. — וואָס קויפן זי, הער דייטש?

2-טער איד: וואָס קויפן זי, הער דייטש לעבן?

דייטש: שטעלט זיך ביים אַכסניה־טויער אויף אַ טרעפּל, האַלט אַ רע־דע. — מיינע הערן! פון היינט אָן וועל איך דאָ עפענען אַ פיליאַלע פון מיי־נע געשעפטן אין בערלין און דאַנציג. איך קויף אַלערליי געטריידע, ווייץ, קאָרן, האָבער, גערשטן און אויך אַלערהאַנד געפליגל, פּוטער, אייער, אַלעס איז ביי מיר אַ וואַרע. איך קויף אויך גאָלד, זילבער. איך צאָל די בעסטע פּרייזן. גוטע קאַופּסלייטע גיב איך אויך פאָרשוס. איך וויל, אַז דאָס שטעטל זאָל אַביסל אויפלעבן אין האַנדל. דאַן זע איך דאָ זייער אַ שיינע געגנט, אַ וואונדערבאַרע לאַנדשאַפט, היפּשע גערטנער און וועלדער. וויל איך דאָ אַביסל פאַרברענגען מיט מיין ליבער טאָכטער. און ווער פון אייך עס וויל מיר נאָר ברענגען פאַרשידענע געשעפטן, וועט פאַרדינען פיל געלט, ווייל איך קויף אַלץ, אַלעס איז ביי מיר אַ וואַרע. דייטשלאַנד ברויכט אַלעס! פאַרויכערט אַ ציגאַר.

אידן: שאָקלען צו מיט די קעפּ. — אודאי, אודאי, דייטשן לאַנד אי־בער אַלעס!

שטאַמלער: אי..אי..איבער א..א..לעס.

כעלמער: לאַכנדיק מיט חוזק. — זאָל לעבן דייטשלאַנד!...

מאַריע קוקט זיך אַרום.

מאַחיע: אָבער, פּאַפּאַ, דאָ איז דאָך אַזוי שמוציק. די אידן מוזן אַ היפּש ביסל ענדערן זייער לעבנסאַרט. קוק נאָר אָן דיזע באַ־שעפעניש!...

די אידן הויבן זיך אָן צו קוקן אויף די מלבושים און טרייסלען פון זיי אַראָפּ מיט די פינגער דעם שטויב און די פעדערן.

גראָבער איד: צו אַ דאַרן אָפּגעריסענעם און אָפּגעשליסענעם אידן. — גיי אַהיים און טו דיר אָן עפּעס אַן אַנדערע קאַפּאָטע, גיי שוין!

אָפּגעריסענער איד: איך האָב אין דר'ערד דיך מיטן דייטש אינעי־נעם... זאָל ער געבן געלט פריער... — ס'קומט אָן מאָניש. דערזעט מאַריען, קוקט זי אָן, פאַרגאַפט. אויך זי קוקט אויף אים שטאַרק.

מאַריע: רעדט ווייטער. — יאָ, עס זיינען אויך פאַראַן דאָ איינציקע שיינע, אָנשטענדיקע מענטשן, אָבער די מערהייט איז זייער שמוציק.

בערל קאַלבאַס: מיט פּאַטאָס. — יאָ, יאָ זייער ריכטיק, אידן! מיר דאַרפן טויזנט מאָל דאַנקען דעם גנעדיקן הער — ווייזט אויפן דייטש. — וואָס ער איז אַראָפּגעקומען צו אונז אַהער אין שטעטל און דאָס בעסטע וועט זיין, ווען מיר וועלן אָנהויבן ווערן מיט לייטן גלייך. יאָ, יאָ, דער הער דייטש וועט אונז זיכער אַריינברענגען אין אונזער שטעטל אַ גרוי־סע שפע אינם מסחר, די נויט וועט אויפהערן. — דייטש און מאַריע שאָקלען צו מיט די קעפּ. — ס'וועט ווערן פּרנסה און אַ שפע, און מיר אידן, הער דייטש, זיינען זייער פעאיק צום האַנדל און...

דייטש: האַקט אים איבער. — יאָ, יאָ, דאָס ווייס איך, אָבער איר מוזט זיך אומבאַדינגט צופּאַסן צו אונזערע געוואוינהייטן, זאָנסט קענען מיר ליידער דאָ נישט בלייבן... איר מוזט באַזיצן דייטשע פּינקטלעכקייט,

געוואוינען זיך צו דער דייטשער אָרדענונג. מיר זיינען דאָך אויף דער וועלט דער ביישפּיל פון פּינקטלעכקייט און אָרדענונג...

כ ע ל מ ע ר : אַפּאַרט. — פאר פרנסה וועגן מעג מען טאנצן מיט מאַטשעק לעבן...

אַ ד אָ ל ף ק ו ט ש ע ר

קומט אַרויס און גיט א שטאַרקן קנאַל מיט דער בייטש

ק ו ט ש ע ר : יאָ, דייטשלאַנד איבער אלעס! —לאַכט און פארשווינדט.

די אידן דערשרעקן זיך און רוקן זיך הינטערווײלעכץ. אייניקע יונגע לייט קוקן אים נאָך מיט בייזע בליקן. די אידן גרופּירן זיך אין צוויי געזעמלען: די עלטערע אין איין געזעמל און די יינגערע אין צווייטן.

מ א ר י ע : ווערט איר מיט דייטשן צוגלייך?

ע ל ט ע ר ע א י ד ן : מיר נישט!

י ו נ ג ע א י ד ן : ריטמיש. — מיט ווערן מיט לייטן צוגלייך. יאָ. עס לעבע די דייטשע אָרדענונג אונד די דייטשע פּינקטלעכקייט! בלייבן שטיין מיט אויפגעהויבענע הענט.

כ ע ל מ ע ר . אין פראָנט. — דערווייל גייט מיר אויסגעצייכנט.

פ אָ ר ה אַ נ ג

ז ע ק ס ט ב י ל ד

אויבן — א ווייס בלויער הימל, פון אונטן א בלוי ווייסער טלית.

ביאַלער רבי מיט מאָנישן, הינטער זיי אן עדה אידן. צווישן זיי זעט מען באַנציען מיט פארשאַרצטע פּאָלעס און בערל חנציעס. ארײנקוקנדיק אין א ספר, פארטיפט, גייען אלע דורך די בינע. זינגען:

און אָט אזוי גייען מיר,
טאַנצנדיק און זינגענדיק,
מיר פריילעכע אידן,
מיר שבת יום־טובדיקע אידן,
מיר, נשמה יתירהדיקע אידן
אָט אזוי גייען מיר
צום וועג פון כלו שבת...

מ אָ נ י ש : באַשטראַלט. —
צום וועג פון כלו שבת.
אָך, דער וועג פון כלו שבת!..
ווען שוין רבי?
ווען שוין?..

ביאַלער מיט מאָנישן פארשווינדן.

אַ ל ע : זינגענדיק —
מיר, שבת יום־טובדיקע אידן — מוזיק־באַגלייטונג
מיר, נשמה יתירהדיקע אידן...
גייען צום וועג פון כלו שבת...

רעפלעקטאָר, מוזיק־אַקאָרדן

פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט ל אַ נ ג ז אַ ם

ז י ב ע נ ט   ב י ל ד

דער זעלבער מארק ווי אין בילד פינף. איניקע יונגע אידן גייען שוין אנגעטאן דייטשמעריש. מאריע האלט אינמיטן רעדן. זי דערזעט מאנישן. זיי קוקן זיך איבער. זי רעדט דעקלאמאטאריש:

מ א ר י ע : יא, מיינע הערן,
אלעס ווערט מיט גאלדענע רענדלעך געוואויגן,
איר דארפט זיך נאר צום געשעפט אויסטויגן.

כ ע ל מ ע ר : איראניש. — וועט אייך שוין ווערן ליכטיק אין די אויגן...

כעלמער, דייטש און מאריע גייען אריין אין שטוב. די אידן קוקן זיך איבער, רייבנדיק זיך די הענט פאר שמחה.

1-ט ע ר א י ד : רבונו של עולם, א ישועה אויף אידן, אן אויפריכטעניש אויף אידן, א ישועה און א גאולה, מנע, מנע א! א! א!

די אידן פארשווינדן איינציקווייז. סקומען ארויס פון אינעווייניק

בערל קאלבאס מיט באנציען

ב ע ר ל : אנו, ווייז נאר אהער, וויפיל האט ער דיר געגעבן?

באנציע ווייזט אים איניקע מטבעות. בערל כאפט זיי אים ארויס. די מטבעות צעפאלן זיך אויף דער ערד, בערל קלויבט זיי אויף, צונעמענדיק זיי צו זיך. באנציע גיט א קריץ מיט די ציין, מאכט א צארנדיקע גרימאסע און קערט זיך אפ שווייגנדיק. סקומען אן פ ו י ע ר י ם מיט בייטשן אין די הענט.

1-ט ע ר פ ו י ע ר : צו בערל קאלבאס. — בערעק, וואו וואוינט דאס דא דער דייטש, וואס קויפט ווייץ?
ב ע ר ל : גייט אריין דא, גייט!

ד יי ט ש : שרייט פון אינעווייניק. — העריין! העריין!

2-ט ע ר פ ו י ע ר : גאלד קויפט ער אויך, בערעק?

ב ע ר ל ק א ל ב א ס : אלעס קויפט ער, אלעס!

די פויערים גייען אריין. ס'קומען אן צ וו יי ב ט ל נ י ם

1-ט ע ר ב ט ל ן : אפשר וואלט ער געקויפט אביסל אפגעקלאפטע הושענות אויך?

2-ט ע ר ב ט ל ן : אפשר קאן מען נעמען ביי אים דערווייל עפעס האנטגעלט אויף א פאר וואנאנעס ווייץ? מ'דארף פראבירן. מאכט זיך צורעכט די מלבושים און גייט אריין.

1-ט ע ר ב ט ל ן : צו בערל קאלבאס. — מ'דארף זיך איבערטאן עפעס א שבתדיקע קאפאטע און אויך ווערן א סוחר. וואס איז דא די רבותא? די מלמדים קענען ווערן סוחרים און בטלנים נישט? — צו א בטלן. — קום, שמעיה, לאמיר ווערן סוחרים, וועלן מיר פארשפארן צו עסן טעג ביי די טרפהנע אידן. קום, נו, קום שוין, ווער א מענטש!

בטלנים אפ. ס'הערן זיך פון אינעווייניק טענער פון געזאנג. די פויערים קומען פריילעכע ארויס פון דייטשס הויז, קלימפערן מיט געלט אין די הענט

פ ו י ע ר י ם : אך, יאקי דאברי ניעמיעץ! (וואס פאר א גוטער דייטש!).

זיי פארשווינדן באלד אויפגעלייגטע, קלומפערן מיט פולע הויפנס מטבעות.

צ וו יי א י ד ן קומען ארויס פון דייטשס הויז.

1-ט ע ר א י ד : אך, סארא טייערער דייטש, בנאמנות, ער זעט נאך נישט די סחורה און גיט שוין פאראויס דאס געלט...

2-ט ע ר א י ד : אך, ווען דער רבונו של עולם שיקט עפעס צו יעדעס יאר אזא דייטש, וואלטן מיר דאך פארשפארט צו בעטן זיך ביי די דאזיקע אנגעפרעסענע בייכער א פאר מצות מיט קארטאפל אויף פסח.

ס'קומען אן אידן מיט שטעקלעך אין די הענט.

3-טער איד : קומט אן פון דער זייט. — אידן! מ'דערציילט, אז גאדיל גאלדעס האט עפעס געמאכט מיטן דייטש א געשעפט און האט שוין פארדינט א מטמון מיט געלט.

2-טער איד: דהיינו? וואָסערע געשעפט?

3-טער איד: ער איז טאקע א שלימזל, אָבער ער האָט זיך אויסגעטוינגט און האָט דעם דייטש, פארשטייט איר מיך, פארמעקלט א וואלד פון כראביע זאמאָיסקי און ווי מ'שמועסט, האָט ער שוין געכאפט שטילערהייט א גרויסע פויטעקע...

אלע: אזוי? איי, איי, איי!

2-טער איד: נאָרל גאָלדעס? אָט דער שלימזלניק?

1-טער איד: אנו, וואו ביסט דו געווען, בטלן?

2-טער איד: מאכנדיק זיך צורעכט, אַריינגייענדיק צום דייטש. שא, שא,, איך האָב אויך צו פארמעקלען א וואלד... — גייט אריין האס־טיק. אַלע קוקן זיך איבער מיט קנאה.

3-טער איד: וואָס הייסט, ער האָט א וואלד? נו, און איך האָב נישט קיין וואלד? — גייט אַריין.

אלע: מיר האָבן אַלע וועלדער מיט פעלדער... — זיי ווילן ארייגגיין צום דייטש. ס'קומט אָן דער שיל־שמש, טראָגנדיק חופה־שטאנגען. ווער מאכט חתונה?

שיל־שמש: אידן, מאכט אייך גרייט, שנאָרערס, מאכט אייך גרייט!

אלע: הויך. — ווער מאכט חתונה, ווער?

שיל־שמש: מיט אַ ניגון. — הגביר, הנגיד והחסיד מוה״ רב נאָרל גאָלדעס נירו יאיר! האָט שוין מיט מזל אָפגעשמועסט די חתונה פון זיין עלטסטער טאָכטער יהודית זאָל לעבן און מ'דארף צורעכט מאכן די חופה־שטאנגען. שוין יאָרן־לאנג קיין חתונה דאָ נישט געווען. מאכט אייך גרייט, מאכט אייך גרייט, ס'וועט זיין די אמתע בולקעס מיט פיש, מיט גענז, מיט אינדעקעס, מיט וויין, מיט... מיט... איי, איי! — לויפט אָפ.

אלע: אזא שלימזלניק און... אָווא! — זיי פאַרשווינדן איינציק־ווייז. צוויי קלעזמאָרים, קורץ געקליידט, שטעלן זיך אוועק לעבן

מאַריעס פענצטער, הייבן אָן שפילן. מאריע פארמאַכט האלב דאָס פענצטער, זיך האַלטנדיק ביי די אויערן, ווי זיי וואָלטן געשפילט פאלשע טענער. גיט זיי ביקל געלט. איר פענצטער בלייבט האַלב אָפן.

קלעזמער: דייטשיש געלט! — זיי באַטראכטן עס נייגעריק.

מאַרשעליק קומט אָן

מארשעליק: א, קלעזמאָרים! אזוי ווי כ'האָב שוין לאנג נישט באזונגען קיין כלה און נאָרל מאַכט חתונה זיין יהודיתל, מוז איך איצט מיט אייך מאַכן א רעפעטיציע... — שטיל — אפשר וועט זיין דער־זוייל פון די דייטשן א פאָר גראָשן... — הויבט אָן מיטן ניגון: —

אוי, הנני מוכן ומזומן,
אויב איך בין יאָ דאָ אריינגעקומען,
טוט מיר קלעזמאָרים מיט די כלים
אַביסעלע צוברומען!..

קלעזמאָרים טראָמפּייטערן צום טאַקט.

אוי, כלהשע, כלהשע וויין...

כ'עלמער טאַנצט.

כעלמער: לעבעדיק! .לעבעדיק! לעבעדיק זאָל זיין ביי אידן, סאַרע מחיה! ס'וועט זיין א חתונה! — טאנצט אָפ. — א חתונה!!!

דריי נייטאָרנס

טראָגן א ווייס, לאַנג חופה־קלייד. צוויי האַלטן עס ביי ביידע ארבל, די דריטע האַלט עס אויפגעצויגן ביים קראגן, שטעלן זיך אָפ אינדערמיט בינע ביים פראָנט.

דריי נייטארנס: פרעמדע חופה־קליידער און נאָך נישט קיין אייגענע! — פארשווינדן ווי מאריאָנעטן־פיגורן, ברומענדיק שטיל: וואָס קומט אַרויס איך ניי?..

מאַרשעליק: אוי, כלהשע, כלהשע וויין,
היינט איז דיין יום הדין!

קלעזמאָרים טרומייטערן צו

בערל קאָלבאם קומט אַרוים מיט כעס.

בערל קאָלבאם: הערט אויף צו פראוועןֺ דאָ אייערע אלטע שטיק. מיינט נישט, אז דאָ וואוינען עפּעס פאַרדריפּעטע אידן. דאָ וואוינען דייטשן, דייטשן פון דייטשנלאַנד!

אלע: יאָ, יאָ, פון דייטשנלאַנד!

בערל קאָל.: קוקט אַריין צו מאַריען. — און רעספּעקט פאַר דייטשן! — אָפּ.

מארשעליק: א נייער דייטש אויף מיין קאָפּ! בערל קאָלבאַשניק וועט מיך נישט לאָזן פאַרדינען א שטיקל ברויט, א נכפה אויף אים. — קרומט אים נאָך. — רעספּעקט פאַר דייטשן! איך האָב זיי אין דר'ערד... קלעזמאָרים! אורדך:

אוי, הנני מוכן ומזומן,
אויב איך בין שוין יאָ דאָ אריינגעקומען,
טוט מיר קלעזמאָרים מיט די כלים
אביסעלע צוברומען!

קלעזמאָרים באַגלייטן מיט די טרומייטן.

אדאָלף קוטשער און בערל קאָלבאם

אדאָלף: בייז, מיט דער בייטש. — לאָססען זי דאָך צורו! דאָנערוועטטערר! מען מוז דאָך אביסל רוע האבען! פאָרט פאָן היער! הויבט אויף די בייטש, זיי צעלויפן זיך אין אַ ווינקל.

קלעזמאָרים: ריטמיש — סטייטש? איך בין דאָך א דייטש!

אדאָלף: גיט אַ שטאַרקן קנאַל מיט דער בייטש, שרייט: — פאָרט פאָן היער, פאַרפלוכטע!...

זיי פאַרשווינדן פאַרוואונדערט און בייז, ס'קומט אָן **מאָניש**, הינטער אים **דער כעלמער**. מאַריע עפנט אויף דאָס פענצטער, זינגט א שטילע, האַרציקע מעלאָדיע. רעפלעקטאָר באַלייכט איר פנים. קאנאריק באַגלייט

זי. מאָניש שטעלט זיך קעגנאיבער, דערנענטערט זיך פּאַמעלעך צום פענצטער, קוקט זיך ארום מיסטעריאיש פון אלע זייטן. כעלמער באַהאַלט זיך. מאריע זינגט שטאַרקער און הארציקער. ער וויל מיטזינגען, קוקט בגנבה אַריין אין פענצטער און לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ. ער דערהערט טריט, לויפט אָפּ אין אַ זייט. ס'קומען אָן **ביאַלער רבי** און **מוטער**.

ביאַלער און מוטער: מיט דערשראָקענער פרייד. — מאָניש, מאָניש לעבן!

ביאַלער: מאָניש, מאָניש! די גאנצע וועלט איז א ניגון... דער מענטש דאַרף אָבער פאַרשטיין דעם ריכטיקן ניגון. פאראן, מאָניש, פאַלשע ניגונים, פאַלשע טענער, רחמנא לצלן, וועלכע פאַרפירן דעם מענטשן אין שאול תחתיה ... היט זיך פאר דיִ פאַלשע ניגונים, מאָניש! — די מוטער מיטן ביאַלער פירן אים אָפּ. ביים פענצטער כאַפּט ער א בליק אַריין צו מאַריען.

מאָניש: אָפּגייענדיק. — מיר איז דאָ ענג, שרעקלעך ענג, מאַמע. רבי, צר לי פה המקום! ס'איז מיר ענג דאָ! — לאָזט אַרוים אַ געוויין וועלכעס הערט זיך פון הינטער דער בינע. מאַריע צעעפנט דאָס פענצטער. זי, אשמדאי און אַדאָלף קוקן זיי נאָך מיט אַ ביטערן שמייכל.

כעלמער: טאַנצט אונטער צו מאַריעס פענצטער, לויפט אַריין. כאַ, כאַ, כאַ!

פארהאנג פאַלט שנעל

מאניש! וויפיל מאנישעס ביסטו איצטער? איינער, צוויי אדער גאר דריי, האַ? — ער לאַכט, שמועסט שטיל מיטן פרוש. בעלמער מלמד שטעלט זיך לינקס פון מאנישן.

מ אָ נ י ש : דערזואַכט. — בערל, בערל חנציעס!

ב ע ר ל . האַ?

ס'קומט אַריין ב אַ נ צ י ע און זעצט זיך אַ מידער ביי דער הרובע.

מ אָ נ י ש : וואָס טוט מען, בערל חנציעס? דאָס לעבן איז דאָך אַזוי פול מיט ספקות, פול מיט סתירות.

ב ע ר ל : כאַ, כאַ, כאַ! מאָניש, מאָניש! ביסט נאָך גאָר אַ יינגל. איך לעב שוין אַזוי יאָרן מיט יאָרן, און צוזאַמען מיט מיינע יאָרן וואַקסן מיט מיר מיט מיינע ספקות.

מ אָ נ י ש : אַך, בערל, מיר זיצן דאָ און חקרענען זיך וועגן לעבן און אין דרויסן איז אַזאַ וועלט, אַ וועלט פון לעבן און געראַנגל, אַ וועלט פון שיינער נגינה און אַ וועלט פון נויט און דחקות. — עפנט האַסטיק דאָס פענצטער, שלעפט צו בערלען, ביידע קוקן אַרויס, רעפלעקטאָר. — אַ וועלט מיט שיינע, גוטע ברואים, וואו אַלע זינגען שירה און אַ וועלט פון אייביקער מלחמה פאַרן שטיקל ברויט; אַ וועלט פון רייכע און זאַטע און אַ וועלט פון הונגעריקע און שוואַכע, אַך! — פאַרמאַכט האַסטיק דאָס פענצטער, לויפט צו צו באַנציען, כאַפּט אים אָן ביי די לאַצן, טרייסלט אים און שרייט מיט פאַרצווייפלונג: — באַנציע! באַנציע! פאַרוואָס שווייגסטו? ווי לאַנג, זאָג מיר, איז אַזוי דער שיעור צו שווייגן? — באַנציע גלייכט זיך אויס, קוקט אים אָן מיט שרעקלעך ווילדע אויגן. פרוש און בערל חנציעס באַהאַלטן זיך אין ווינקל מיט פאַרוואונדערונג. — אַזאַ שיינע וועלט און מענטשן ווילן זיך אין זייער אייגן בלוט דערטרינקען. ניין! איך ווייס נישט, צי ווען אונזערע אַלטע נביאים וואָלטן געלעבט אין דער היינטיקער צייט, בעת די סטרא אחרא וויל די גאַנצע וועלט חרוב מאַכן, צי וואָלטן זיי אויך געזאָגט: לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוח... איך מיין, אַז היינט מלחמה צו האַלטן מיטן בלויזן רוח, וועלן מיר אַלע פריער אין פייער און אין בלוט אומקומען. — מונטער און זיכער. — ניין, באַנציע, בערל!

אכט בילד

אין בית המדרש־ווינקל, פאַרנאַכט. הינטערגרונט — אַ גרויסע ספרים־שאַנק. מאָניש זיצט איבער אַ גרויסער גמרא פאַרטראַכט. אַ זונען־שטראַל פאַלט אויף זיין מיד פנים. דער פרוש שטייט ביי דער הרובע און קוקט אין אַ ספר. בערל חנציעס לויפט אַרויף און אַראָפּ איבערן בית המדרש. מוזיק שפּילט פּיאַניסימאָ. מאָניש זינגט:

מ אָ נ י ש

פאַר וואָס און פאַר ווען
זיץ איך אָט אַ דאָ?
פאַר וואָס און פאַר ווען
ליג איך אָט אַ דאָ?
אינדרויסן איז אַ טאָג
אַ שיינער ממש גאָלד,
אינדרויסן איז אַ טאָג
אַ שיינער ממש גאָלד.
שור שנגח את הפרה...
איי, איי, איי, איי,

ווי אין אַ טרוים־בילד באַווייזט זיך צווישן די ספרים

מ אַ ר י ע ס ק אָ פּ. זי זינגט מיט אַ פאַרבענקטער מעלאָדיע:

מ אַ ר י ע : בחורל שיינער!
בחורל מיינער!
קום זשע גיכער
אַהער צו מיר!

מ אָ נ י ש : צעמישט. — שור שנגח את הפרה...
איי, איי, איי, איי, איי, איי! — פאַלט מיטן קאָפּ איבער דער גמרא.

ב ע ר ל ח נ צ י ע ס : באַטראַכט אים באַדויערנדיק. — מאָניש,

אין א שיינעם פרימאָרגן וועל איך פאַרשווינדן פון דאַנען און קיינער וועט אפילו פון מיין געביין נישט וויסן. איך וועל ארוים אין דער גרויסער, ברייטער וועלט, ווייל איך פיל ווי א וועלט מיט מענטשן ראנגלען זיך און איך וויל צוזאמען מיט זיי ליידן פאר א בעסער און שענער לעבן. איך האָב זיי עפּעס וואָס צו זאָגן. — ס'הערט זיך מאריעס געזאנג. משוגענער בטלן. פרוש און באַנציע באַהאַלטן זיך אונטער דער הרובע. מאַניש קוקט פאַר־גאַפט, גייט לאַנגזאַם צום טיש. ס'געזאנג הערט אויף. מאַניש וויל זיך פאַרגעסן, הויבט אָן מיטן זעלבן מעלאַנכאָלישן ניגון און דרייט צו מיטן פינגער: שור שנגח את הפרה, איי, איי, איי, איי, איי, איי!

בערל: מאַכט אים נאָך מיטן ניגון. — פּרא שנגחה את השור, איי, איי, איי, איי, איי, איי! וואו שטייט דאָס געשריבן, אז אן אָקס שטויסט תמיד די קו? ס'קאָן דאָך אמאָל געמאָלט זיין, אז די קו צעשעדיקט דעם אָקס... — לאַכט. — און ווי איז דאַמאָלט דער דין?

כעלמער: אַפּאַרט, שפּאַסט. — איז ער טאקע אן אָקס.

בעהל קאָלבאָס קומט אָן בייז.

בערל קאָלבאָס: באָנציע, וואו כאָליעסטו וואו? האָב דיר אַכציק שווארץ יאָר! — שלעפּט אים אַרוים ביי די אויערן. — נישטאָ קיין שייטל האָלץ אין שטוב. — שלאָגט אים און קאָפּעט אים. — דו זאָלסט נישט כאָליען דאָ! נא! נא! נא!

מאַניש: מיט פּראָטעסט. — וועמען שלאָגסטו וועמען? — וויל נישט לאָזן אים שלאָגן. ס'לויפט אונטער דער כעלמער און כאַפּט אים אָן ביי אַ פּאָלע. — אך, באָנציע, באָנציע!... און באָנציע שווייגט... — בערל קאָלב. קוקט אים אָן מיט בטול, שלעפּט ארוים באָנציען, אָפּ. — יאָ, יאָ, איינער זינגט אָפּ זיין לעבן מיט א פריילעכן ניגון און דער אנדערער קריצט מיט די ציין און שווייגט... — שטעלט זיך ביים פענצטער, קוקט ווייט און מערקט נישט, ווי ס'קומט אָן דער ביאַלער רבי. כעלמער אַנטלויפט, מאַניש זעצט זיך ביים טיש.

שמש

אויף דער שוועל צום רבין, וועלכער געפינט זיך נאָך הינטער דער בינע.

שמש: אָט איז ער דאָך, רבי.

ביאלער רבי

קומט אַריין האלב דערשראָקן, דערנענטערט זיך צו מאָנישן.

ביאלער רבי: וואָס לערנסטו, מאָניש?

מאָניש: ניזוקין לערן איך, רבי.

ביאלער: גלעט אים. — מאָניש, — פארמאַכט די אויגן. אותיות מאָניש זאָגן: „יש מאין". — פויזע. — ווער האָט דאָ עפּעס גע־זונגען?

מאָניש: דאָס לעבן אינדרויסן, רבי, זינגט היינט אַזוי שיין. לויפט און פּראלט אויף דאָס פענצטער, ס'פאלן אויף זיין פנים שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון. — זעט, רבי, ווי שיין די זון געזעגנט זיך מיט אונז ביז מאָרגן, און דאָרטן ברענט מען די רשעים...

ביאלער: פירט אים צום טיש. — מאָניש, איך בין דיר נאָכ־אמאָל מגלה — ס'דערנענטערן זיך בערל חנציעס, פרוש. ס'קומען אַריין איינציקווייז קליינע, גראָבע און הויכע, אויסגעדארטע חסידים אין ווייסע באַלאַטן. — אז יעדער צדיק, וועלכער שטייט העכער איבערן כלל, איז דער קאַפּעלמייסטער איבערן ניגון פונם כלל. הערסטו אמאָל, ווי א פרעמד קול האָט זיך אריינגעכאפּט אין דיין ניגון, מוזטו אים אַרויסטרייבן ווי א דיבוק רחמנא לצלן, כדי ער זאָל חס ושלום ניט איבערפירן דעם ניגון...

מאָניש: אמת, רבי, נגינה איז א גרויסע זאך, אָן נגינה וואָלטן די מענטשן גאָרנישט געקענט לעבן אויף דער וועלט.

ביאלער: מיט פארמאכטע אויגן. — מ'דערציילט — אַלע הערן זיך צו. — אז גאנץ טאלנע איז געשטאַנען אויף מלוה מלכה'ס און דער עיקר פון מלוה מלכה איז געווען דער ניגון...

בערל: אַפּאַרט. — און איך מיין, אז דער באָרשט מיט קארטאָפל איז געווען דער עיקר, כי, כי, כי, כי!

ביאַלער: יאָ, יאָ, דאָס גאַנצע לעבן איז אַ שיינער ניגון, עס ווענדט זיך נאָר, ווער עס זינגט דעם ניגון און ווי אַזוי מ'זינגט אים...

מאַניש: אַלע ניגונים, רבי, וואָס דער מענטש האָט נאָר ביי זיי עליית־הנשמה, דערגרייכן זיי שוין צום כסא הכבוד.

חסידים: איי, איי, איי, איי, איי, איי! טץ, טץ!

ביאַלער: מיט די אייגענע ציגל קען מען שטעלן אַ שיל און להבדיל אַ קלויסטער, יאָ, יאָ.

מאַניש: אַ שיינעם פּאַלאַץ פאַר די רייכע און זאַטע און אַ פינצטערע תפיסה פאַר די, וועלכע זאָגן דעם פרייען אמת...

בערל חנציעס. אַפּאַרט. — אָדער גאָר אַ הקדש פאַר די שנאָרערס...

ביאַלער: שטייט אויף, גייט איבערן חדר אַהין און צוריק, האַלטנדיק מאַנישן ביי דער האַנט. — מיט די אייגענע אותיות — זייערע פּנימער ווערן באַשטראַלט. — שרייבט מען די גרעסטע סודות התורה און להבדיל — דאָס גרעסטע אפּיקורסות; מיט די אייגענע קולות קען מען אַרויף צו דער העכסטער מדרגה פון שמחה, התלהבות, התפשטות הגשמיות און התדבקות השכינה עד אין סוף... און מ'קען אויך אַראָפּפאַלן ביזן שאול תחתיה רחמנא לצלן, און וואַלגערן זיך דאָרט ווי אַ וואָרעם אין דער בלאָטע... מאַניש, אַ בריוול איז ווי מען לייענט עס, אַ ניגון — ווי מען זינגט אים. למשל: אָט אָ דאָס טאַלנער ניגונדל: — קנאַקט מיט די פינגער. „רב דודל האָט געוואוינט אין וואַסילקאָוו און היינט וואוינט ער אין טאַלנע". אַז עס זינגען עס די טאַלנער, איז עס פול מיט שמחה, ברען, דבקות און אַז עס זינגען עס וואַסילקאָווער, איז עס פול מיט עצבות, רחמנא לצלן... — זעצן זיך.

בערל חנציעס: אַפּאַרט — מ'זאָגט, אַז ר' דודל איז אוועק פון וואַסילקאָוו, ווייל ס'איז אַ שטאָט פון גאָלע קבצנים, דלפנים כי, כי!

גראָבער חסיד: בטלן! מ'האָט ר' דודלען געמוזט אַרויס־גנבענען פון וואַסילקאָוו, אָבער די טאַלנער פאַרמאָגן אויך נשמה, פאַר־שטייסט, זיי זיינען אויך נשמה יתירהדיקע אידן...

ביאַלער: שאַ! שאַ! זינגט מיר דאָס טאַלנער ניגונדל.

די בינע ווערט ליכטיק. די גראָבע חסידים הויבן אָן זינגען און טאַנצן אין אַ ראָד:

גראָבע חסידים: רב דודל האָט געוואוינט
אין וואַסילקאָוו, אין וואַסילקאָוו
און היינט וואוינט ער אין טאַלנע,
רב דודל האָט געוואוינט
אין וואַסילקאָוו
און היינט וואוינט ער אין טאַלנע.
זיי פאַרשווינדן טאַנצנדיק.

ביאַלער: טרויעריק. — זינגט דעם וואַסילקאָווער זמר.

די בינע ווערט טונקעלער. די הויכע, דאַרע חסידים הויבן אָן זינגען און טאַנצן.

דאַרע חסידים: רב דודל האָט געוואוינט א. א. וו.

דער ביאַלער ווערט אַריינגעשלעפּט אין טרויעריקן טאַנץ. אַלע חסידים פאַרשווינדן, און אויך דער ביאַלער.

מאַניש: יאָ, יאָ! אַ ניגון, ווי אַזוי מ'זינגט אים און ווער עס זינגט אים... — כעלמער גנבעט זיך אַהיין. מאַניש גייט צו צום פענצטער. מוזיק שפּילט ווייט פּיאַניסימאָ. ער זיפצט שווער אָפּ. זעצט זיך אַ מידער צום טיש, וויל דערנאָך צוגיין צו דער ספרים שאַנק. מאַריעס פּנים זעט זיך רעכטס פון דער ספרים שאַנק און דעם כעלמערס — לינקס. אַ רויטער שיין באַשטראַלט זייערע מאַסקעס. מאַניש דערזעט זי — לויפט האַסטיק צו, שרייט: — מאַריע! מאַריע! — איר פּנים פאַרשווינדט. ער לאָזט אַרויס אַ שטאַרק היסטעריש געוויין, פאַלט אַרויף אויף די ספרים. — שטאַרקער מוזיק אַקאָרד.

כעלמער מלמד: כי, כי, כי, כי!

פאָרהאַנג פאַלט שנעל

ש כ נ ט ע : איר זאָלט מיר געזונט זיין, שרהלע קרוין! און אייער מאַן איז דעם שבת ווידער נישטאָ הי — ער וועט מסתמא שיין געלט פאַרדינגען ביים דייטש. ער איז דאָך עפּעס יאָ דער אמתער תבואה־סוחר!

מ ו ט ע ר : טוט אויס די ברילן און לייגט זיי אַריין אין טייטשחומש, פאַרמאַכט אים. — אונז זאָל שוין גאָט אויסהיטן פאַרן דייטש מיט זיינע גאַנצע גליקן און פרנסות, רבונו של עולם! דאָס איז מיין איינציק היים געבעטן ביי דיר.

ש כ נ ט ע : וואָס רעדט איר, שרהלע? ווי איז מיר נישט, וואָס הייסט עס? ס'איז דאָך אַן אויפריכטעניש געקומען אין שטעטל אַריין.

מ ו ט ע ר : דער פאָטער איז נישט אין דער היים, זעט ער נישט און הערט נישט מיין מאָנישלס קרעכצן און זיפצן און.. און... — מיט געשטיקטע טרערן — אוי,, דער דייטש, דער דייטש! זייט ער איז אַהער אַנגעקומען, איז מיר מיין לעבן פאַרפינצטערט געוואָרן, אַז ס'זאָל מיר נאָר זיין צום גוטן, רבונו של עולם! מיין ליכטיקער מאָניש איז מיר אינגאַנצן אַן אַנדערער געוואָרן. אוי, רבונו של עולם, קיין בייז אויג, קיין שום עין הרע זאָל אים נאָר נישט שאַטן!

ש כ נ ט ע : וואָס רעדט איר עפּעס, שרהלע, ס'איז דאָך געקומען אַן אויפריכטעניש, אַ פינוסע, אַן אויפריכטעניש, אַ... אַ... שפּע! — הינטער דער בינע הערט זיך אויסרופן: גוט שבת! — שכנטע כאַפּט זיך, קוקט אַרויס דורכן פענצטער. — אוי, מיינער איז שוין דאָ, מ'גייט שוין פון שיל. האָט מיר אַ גוטן שבת, שרהלע! — גייט אַרויס.

מ ו ט ע ר : אַ גוטן שבת, אַ גוט יאָר.

די מוטער גייט אַפּאָר מאָל אַרום איבער דער שטוב, פאַרזאָרגט, אומגעדולדיק, קוקט אַרויס דורכן פענצטער. מ'הערט זינגען מאַריען מיט דער באַגלויטונג פון קאַנאַריק, דערזעט מאָנישן שטיין לעבן מאַריעס פענצטער, ווערט שטאַרק איבעראַשט, ברעכט זיך די הענט, קנייפּט זיך די באַקן. מאָניש באַמערקט דער מוטערס בליקן און לויפט שנעל אַוועק. די מוטער פאַרמאַכט האַסטיק דאָס פענצטער, פאַלט אויפן טיש, צעוויינט זיך שטיל. קורצע פּויזע. ס'קומט אַריין מאָניש. מיט אים — רעכטס — אַ ווייסער מלאך, לינקס — אַ שוואַרצער מלאך. ביידע מלאכים שטעלן זיך רעכטס און לינקס פון דער טיר. די מוטער באַהערשט זיך ווי זי וואָלט גאָרנישט געזען, ווישט אויס דאָס קידוש־גלעזל.

נ י י נ ט ב י ל ד

ביי מאָנישן אין שטוב. פרייטיק צו נאַכטס. די מוטער לייענט דעם „צאינה וראינה". אויפן טיש שטייען פיר מעשענע לייכטער מיט ברענענדיקע ליכט. דער טיש איז געגרייט מיט צוגעדעקטע חלות, ווייַן און אַנדערע זאַכן. רעכטס — אַ פענצטער. מ'זעט פאַרשידענע דורכגייער, אויך מאַריעס צימער זעט זיך פון ווייטן.

ש כ נ ט ע קומט אַריין, שרייט אַרויס אינדרויסן, שטייענדיק אויף דער שוועל.

ש כ נ ט ע : באַשע, גרייט צום טיש, דער טאַטע קומט באַלד פון דער שיל. — גייט אַריין. — גוט שבת אייך, שרהלע! וואָס זאָגט איר דערצו? מיין יאָסעלע איז נאָר וואָס געקומען פון דער שיל, דערציילט ער מיר, אַז ס'איז דאָרט געווען אַזאַ מחלוקה, אַז גאָט זאָל אָפּהיטן, מ'האָט זיך געשלאָגן פונקט ווי די שיכורים.

מ ו ט ע ר : דערשראָקן. — וואָס איז געווען?

ש כ נ ט ע : כ'ווייס נישט. וואָס ווייסט אַ קינד? — קורצע פּויזע. נאָר איך פאַרשטיי נישט, ס'איז דאָך אַן אויפריכטעניש געקומען אין שטאָט אַריין און זיי שלאָגן זיך גאָר. נאָר וואָס איז דער וואונדער, אַז אַלע זיינען זיי געוואָרן סוחרים. ס'האַנדלען דאָך שוין אפילו ברחנים, שמשים, בטלנים, קלעזמאָרים. אַלץ דער דייטש! אוי, רבונו של עולם, ווען נישט דער דייטש, איז איין גאָט ווייסט, ווי מיר וואָלטן אַלע אויסגעזען, מיר וואָלטן דאָך אויסגעגאַנגען פאַר אַ שטיקל ברויט, און איצטער איז דאָך אַן אויפריכטעניש געקומען אויף אונז. פריער גאָט, נאָכדעם דער דייטש, איי, איי, אַז לאַנג לעבן זאָל ער...

מ ו ט ע ר : קוקט אַרויס דורכן פענצטער. — מ'גייט נאָך נישט פון דער שיל?

מאַניש

מאַניש: א גוט שבת, מאַמע!

מוטער: *אויפגעלייגט און באַהערשט.* — גוט שבת, גוט יאָר! וואו האָסטו זיך אזוי לאַנג געזאַמט? — *קוקט אים נישט אין די אויגן.* שוין א צייט ווי מ'איז געגאַנגען פון דער שיל.

מאַניש: *שטעלט זיך האַרט ביים טיש, קוקט אין די ליכט אריין, פאַרטראַכט זיך.* — געווען א מחלוקת אין דער שיל... אידן זוכן פרנסה, איז איינער דעם צווייטן יורד לחייו... זיינען מענטשן געוואָרן ווי די חיות און ס'האָט זיך געגאָסן בלוט...

מוטער: אוי, די ביטערע פרנסה נעבעך! — *פויזע.* — אָרעמער טאַטע דיינער! איז ווידער נישט אהיים געקומען אויף שבת.

מאַניש: דאגת פרנסה, ווערט נעבעך פאַרשוואַרצט, קויפט אויף פאַרן דייטש ווייץ מיט קאָרן...

מוטער: יאָ, יאָ! — *פויזע.* — ס'איז מיר עפּעס אזוי טרויעריק היינט אויפן האַרצן, אז ס'זאָל מיר נאָר זיין צום גוטן, רבונו של עולם!..

מאַניש: *נאָך אַ קורצער פויזע.* — אַך, ווי דושנע דאָ איז! מ'קען נישט עפענען אביסל דאָס פענצטער?..

מוטער: *מאַכט אויף דאָס פענצטער.* — אַך, אַך!..

מ'זעט אַלע ווילדע אַרויסקוקן בגנבה מאַריען דורכן קעגנאַיבערדיקן פענצטער.

מאַניש: *גיסט זיך אָן וויין צום קידוש.* — אַך, ווי מיאוס איז עס ווען מענטשן ווערן ווילדע חיות...

מוטער: *פאַרוואונדערט.* — מאַניש לעבן, דו האָסט דאָך נאָך קיין „שלום עליכם" נישט געזאָגט.

מאַניש: *כאַפּט זיך אין פאַרלעגנהייט, זינגט טרויעריק:* — שלום עליכם, מלאכי השרת, מלאכי השלום, מלאכי עליון, ממלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא...

ער זינגט וואָס אַמאָל שטילער. מאַריע קוועלט. ער פאַרקוקט זיך אויף די ליכט. בלייבט אינגאַנצן פאַרשטומט.

מוטער: *טרויעריק.* —

וואָס איז דיר, מיין קינד?
וואָס לאָזט זיך דיין קול
אזוי וויינענדיק הערן?
וואָס האָסטו אין די אויגן
נאָר טרערן און טרערן?
וואָס ביסטו אזוי בלאַס
מיין איינציק קינד?
ווער האָט דיר פאַרלאָשן
זאָג, וואָס פאַר א ווינט,
די אייגעלעך דיינע
די שיינע הבדלות?
וואו האָסטן גענומען
ניגונים יללות?
אָז אן עין־הרע
געזונט זיי און שטאַרק,
דו פלעגסט דאָך צו זינגען
פונקט ווי א קאַנאַריק
א שטייגער א וואָלאַך,
צי אַנדערע זאַכן
עס פלעגט דאָך פאַר תענוג
דאָס האַרץ אין מיר לאַכן.
אז דו פלעגסט זינגען
די זמירות ביים עסן;
היינט האָסטו גאָר יענע
ניגונים פאַרגעסן!

— געשטיקט, מיט טרערן. —

היינט זינגסטו גאָר אַנדערש,
היינט זינגסטו נישט גוט,
עס קלעמט מיר דאָס האַרץ צו,
עס קילט מיר דאָס בלוט,
עס שניידט מיר ווי מיט מעסער
אין האַרץ דיין געזאַנג.

וואס איז עס פאר א שטיינער
וואס איז עס פאר א גאנג?
פלעגסט אמאל העלפן דעם חזן אין שיל,
גאר אנדערע קלות, אן אנדער געפיל,
אצינד עמעץ אנדערש זינגט פון דיר ארוים

— שטארק, מיט טרערן —

וואס איז דיר, מיין לעבן?
דער מאמען זאג אויס!...

צעוויינט זיך. גייט צו צום פענצטער. קורצע פויזע. דער ווייסער מלאך פון דער רעכטער זייט טיר פארשווינדט טרויעריק.

מאניש: מיט אן אראפגעלאזטן קאפ, מעכאניש. —

צי ווייס איך דען, מאמע,
וואס ס'זינגט דארט אין מיר?
איך ווייס נאר, אין הארץ איז
גאנץ אנדערש ווי פריער.
איך ווייס נישט, וואס ס'איז מיר,
עס נאגט דאך אין הארץ
און פלוצלונג פאר די אויגן
ווערט פינצטער און שווארץ,
עס הויבט אן צו ברענען
ווי פייער אין מוח,
עס רייסן זיך קולות
פון האלז אוים מיט כוח
און אטעם פארפעלט מיר
ס'איז ענג מיר אין ברוסט,
איך וויל זיי פארהאלטן
די טענער, — אומזיסט!
זיי פליען ווי פייגל
ארוים פון א נעסט
און — אזוי זינגט זיך,
מאמע, אט ווי דו זעסט.

פאלט אויפן טיש, צעוויינט זיך שטארק. שווארצער מלאך פון דער לינקער זייט טיר פארשווינדט לאכנדיק שטיל.

מוטער: גלעט אים שטארק צערטלעך. — מאניש, קרוין מיינער! איך פארשטיי דיך נישט, איך לויף אריין צום רבין, איך קען עס אליין נישט איבערטראגן.

לויפט אפ מיט געוויין. ס'ווערט טונקל. מ'זעט פון דער ווייטנס, ווי דער שווארצער מלאך קריכט אריין צו מאריען אין פענצטער. מאניש שטייט אויף און קוקט ארוים, זיפצט שטארק אפ. מ'הערט דאס אנקומען פון ביאלער רבין מיט דער מוטער.

ביאלער רבי, מוטער

קומען אריין. מאניש לויפט זיי אנטקעגן.

ביאלער: א גוט שבת דיר, מאניש!

מאניש: א גוט שבת, רבי!

מוטער: הייליקער רבי! אן אנדערער איז ער געווארן, ס'איז דאך גארנישט דער אייגענער מאניש! קוקט אן, רבי, זיין פנים, זעט זיינע אויגן. ווער האט אים זיינע צוויי פייערלעך פארלאשן? רבי, העלפט מיר, העלפט מיר!

ביאלער: יא, אן אומגליק האט אונז דער רבונו של עולם צוגעשיקט, פאר א נזיד עדשים וויל מען ביי אונז דאס טייערסטע צו-נעמען... אבער מאניש, געדענק, מען מוז אויסהאלטן דעם שווערן נסיון, דער יצר הרע לויערט אויף שריט און טריט... שטארק זיך, מאניש, שטארק זיך! איזהו גבור הכובש את יצרו...

מ'הערט גרויסע געוואלדן הינטער דער בינע: „דריי זעק ווייץ, פיר זעק ווייץ!” „איך וועל אים די קישקעס ארויסלאזן”!

1- איד: פאלט אריין, א צעבלוטיקטער מיט א גאנצע קאפטע אידן.

1-טער איד: אט איז דער רבי! רבי, איך האב מיט אים א דין-תורה! — עטלעכע אידן רייסן אויף ס'פענצטער, קוקן אריין. מאניש שטייט אין דער זייט. — רבי, ער האט מיך באגנבעט און באגזלט, ער האט מיך גע-קוילעט אן א מעסער! איך האב פארקויפט דעם דייטש א וואגאן ווייץ...

2-טער איד: ס'אליגן! איך האב פריער פארקויפט!

1-טער איד: רבי, ער איז א פושעי עוכר ישראל, ער איז מיר א יורד לחיי, ער וויל מיך דערהרגענען. איך האב פארקויפט א וואגאן ווייץ דעם דייטש, איז ער מיר געקומען און אונטערגעשלאגן דעם פרייז. איצטער, רבי, וועל איך דארפן דערלייגן דעם קאפ. איך דארף חתונה מאכן צוויי כלה-מיידלעך, אזא פושעי ישראל, אין חרם אריין דארף מען אים לייגן!

אלע: אין חרם אריין! אין חרם אריין! אזא פושעי ישראל! זוילן אים שלאגן, סהויבן זיך פויסטן.

ביאלער: איז די גאנצע צייט געשטאנען אראפגעלאזט דעם קאפ, כאפט זיך אויף, שרייט אוים: — שבת היום!!! — אלע ציען זיך צוריק, דריקנדע פויזע.

1-טער איד: דערשלאגן. — אבער רבי, פקוח נפש. איז דאך דוחה שבת!...

ביאלער: אבער שלאגן א מענטשן חרמת יד!?

מאניש: רשע! שפיכת דמים?

ביאלער: גייט אלע אהיים, היינט איז שבת. איך בין נישט דער מרא דאתרא, איך וויל היינט נישט הערן די אלע זאכן. גייט! זייט אידן! פירט זיך אויף ווי אידן! — אלע שארן זיך איינציקווייז ארוים. פויזע. — רבונו של עולם! חדש ימינו בקדם! — גייט אפ. אויף דער שוועל גיט ער א קוק צו מאנישן, זאגט פארזארגט. — זעסט ווי ווייט דער בעל דבר קאן פארפירן, זעסט — אך, אך! א גוטן שבת, מאניש! — גייט אפ. די מוטער קוקט אים יראת הכבודיק נאך און גייט שפעטער ארוים. מאניש שטייט א פארטראכטער לעבן פענצטער. אין שטוב ווערט טונקל. מאריע זינגט שטיל. מ'זעט ווי זי שפרינגט ארוים פון איר פענצטער און לויפט האסטיק צו מאנישעס פענצטער. ער קוקט זיך געהויזמניספול ארום.

מאריע:

בוים פענצטער, רעדט שנעל, מיט א געדעמפטער שטימע:

מאריע: מאניש! טייערער מיינער! איך ווארט אויף דיר היינט האלבע נאכט ביי דער חורבה הינטער דער מיל, זאלסט קומען! גערענק, זאלסט קומען! — ס'הערן זיך טריט. זי אנטלויפט שנעל.

מאניש: שרייט איר נאך מיט א געדעמפטער שטימע. — ווארט, איך גיי מיט דיר, מאריע! מאריע! — שפרינגט ארויס דורכן פענצטער און לויפט איר נאך. מ'הערט אים רופן: — מאריע! מא—רי—ע! !

כעלמער מלמד טאנצט דורך די בינע.

כעלמער מלמד: כי, כי, כי, כי! כא, כא, כא, כא! — אפ.

מוטער קומט אריין דערשראקן, זוכט מאנישן.

מוטער: מאניש! מאניש! — לויפט ארוים. פון דרויסן הערט מען איר היסטעריש געשריי: — מא—ניש! מא—ניש!!!

פארהאנג פאלט שנעל

דריטער אַקט

צענט ביל ד

אן אלטע האלב איינגעפאלענע חורבה, עטלעכע טרויסלענדיקע טרעפלעך פירן אין אן אָפענעם, האַלבצעבראָכענעם אַריינגאַנג, דערלעבן א צעבראָכן פענצטער. די בינע איז האלב טונקל באלויכטן. ס׳הערט זיך א האלב מוראדיק מיאוקען פון א קאַץ און אנדערע אימהדיקע קולות. א שוואַרצער, קודלעוואַטער הונט שארט זיך דורך לעבן דער וואנט פון דער חורבה. אן אומעטיק וואָיען פון א שטורעם־ווינט דערטראָגט זיך פונדערווייטנס. אומגעזעענע הענט וואַרפן פון צייט צו צייט אַרויס פון דער חורבה שטיינער.. פלוצים גיט זיך אַ שיט ארויס פון דער חורבה א מחנה שדים מיט אשמדאי בראש.

אשמדאי:

אשמדאי: *לילית!* — זי באווייזט זיך אויף דער שוועל פון דער חורבה א האלב נאַקעטע, איבערגעצויגן מיט א רויטער פאָלערינע אויף אירע אקסלען. אירע שוואַרצע האָר זייגען צעלאָזן, זי טראָגט גאָלדענע פאַנטאָפּעלעך אויף אירע נאַקעטע פיס.

לילית:

לילית: אָט בין איך מיין טייערער.

אשמדאי: ווען דאַרף ער אָנקומען?

לילית: אָט באַלד. איך האָב געהייסן אים קומען ארום האלבע נאַכט.

אשמדאי: שמייכלענדיק. — יאָ, די בעסטע צייט פאר אונז. צום רייכסשד. — אלזאָ, גערענק, וואָס דו האָסט צו טון.

ר ײ כ ס ש ד הויבט אויף די רעכטע האַנט מיטן האקנקרייץ.

ר יי כ ס ש ד : הייל, קעניג אשמדאי!

א ל ע : ריטמיש. — הייל, קעניג אשמדאי!

ר יי כ ס ש ד : הייל, קעניגן לילית!

א ל ע : הייל, קעניגן לילית!

ל י ל י ת : הייל, רייכסשד!

א ל ע מיט באַגייסטערונג. — הייל, רייכסשד!

ר יי כ ס ש ד : אויף אונז ליגט איצט א גרויסע און פאראַנט-וואָרטלעכע מיסיע. דער פארשאָלטענער מאַניש גרייט זיך איצט ארויסצוגיין איבער דער וועלט און דעם גייסט פון מרידה קעגן אונזער שדים-מלכות פאר-שפרייטן. מיר מוזן איצט זען אויף אלע אופנים אים אין אונזערע נעצן צו פאנגען. א טויט דעם פארשאָלטענעם אידישן גייסט!

א ל ע : אַ טויט!

ר יי כ ס ש ד : אָבער מיר מוזן עס מאַכן געשיקט און מיט דער גרעסטער שדישער פינקטלעכקייט! טיפ—טאָפּ!

א ל ע : קלאַפּן צו מיט די פיס. — יאָ, יאָ! טיפ—טאָפּ!

ר יי כ ס ש ד : אכטונג! — אַלע שטעלן זיך אויס מיליטעריש אין אַ גלייכער שורה. לילית שמייכלט. רייכסשד קאָמאַנדירט: — איר ביידע וועט שטיין אָט א דאָ, אין דעם ווינקל, דו, כעלמער, — לינקס. דו דארפסט איצט שפילן די הויפטראָל... איר, שדים, — דאָ ביים אריינגאנג, און גלייך ווי די קעניגן לילית וועט אייך געבן א צייכן, זאָלט איך אלע ווי איין מאן אים כאפּן, בינדן און אים ארויפטראָגן צו אונז אין גיהנם אויפן ארט — פארשטאנען?

א ל ע : הייל!

ר יי כ ס ש ד : איצט, מארש — אָפּ! — גיט אַ פייף. אַלע טאַנצן אָפּ אין פארשידענע זייטן. קורצע פויזע. פון א וויטן טורעם-זייגער הערט זיך

דאָס מאָנאָטאָנע אויסקלינגען 12. מאַריע קוקט בגנבה ארויס פון דער חורבה. אירע גרויסע אויערינגען בלישטשען אינם שיין פונם רעפלעקטאָר. מאַניש קומט אָן א דערשראָקענער און בלייך, קוקט זיך אַרום מיסטעריאיש פון אלע זייטן. אין זיין לינקער זייט גייט דער שווארצער מלאך און אין דער רעכטער — דער ווייסער מלאך.

ווייסער מלאך און שווארצער מלאך

ווי יס ע ר מ ל א ך : מיט טרערן אין די אויגן. — מאָניש! מאָ-ניש! האָב רחמנות אויף דיין אומשולד ווייסער נשמה. מאַניש, שטארק זיך!

ס׳הערט זיך פון דער חורבה מאריעס פאַרבענקט געזאנג. אין דער חורבה ווערט האַלב ליכטיק. דורכן אריינגאנג און אָפענעם צעבראָכענעם פענצטער זעט זיך ווי האַלב נאַקעטע שדיכעס טאנצן שטיל אין א קאראהאָד.

ש וו א ר צ ע ר מ ל א ך : לאכט ציניש. — כא, כא, כא! מאָניש, הער זיך צו צו דעם שוימיקן גערויש פון דיין יוגנט-בלוט, גיי דאָרט אהין וויזט אים אָן אויפן קאַראַהאָד — טרינק פולע הויפנס קערפערלעך גליק!

ביידע מלאכים פארשווינדן. דאָס טאנצן אין דער חורבה הערט אויף. ס׳ווערט אינעווייניק פינצטער. מאַריע מיט דער צעעפנטער פאָלערינע באווייזט זיך אויף די אריינגאנגס-טרעפּלעך, זינגט פארשיזט א תאוהדיק געזאנג.

מאָניש

מ אָ נ י ש : ציט זיך אַ צעפלאָמטער צו איר. — אך, מאַריע, מאַריע! שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליבע! — זי זעצט זיך אויף אַ טרעפּל מיט אַ קאָקעטיש-תאוהדיקער באַוועגונג. ער — לעבן איר. — אלע מיינע גלידער ציען זיך אין בענקשאַפט צו דיר, איך ווער פארברענט אינם ליבע-פלאַם, מאַריע.

מ א ר י ע—ל י ל י ת : שווער מיר, מאַניש!

מ אָ נ י ש : איך שווער דיר ביי מיין לעבן, ביי מיין געזונט.

מ א ר י ע—ל י ל י ת : דו ווייסט נישט, וואָס פאר א צרות איך ליידן פון מיין פאָטער צוליב מיין ליבע צו דיר. — די שדים רוקן זיך איינ-ציקווייז ארויס און באַהאַלטן זיך אין די ווינקלען, הינטער מאָנישן.

מאַניש: אַבער וויפיל לייד איך מיך אָן, מאַריע! איך האָב קיין ווערטער נישט אויסצודריקן דעם פאַרבענקטן צער פון מיין נשמה. כ'ליב דיך, מאַריע, כ'פיל ווי איך גיי אויס ווי א ליכט.

מאַריע—לילית: האָסט מיך ווירקלעך אזוי שטאַרק ליב?

מאַניש: איך האָב נאָך אין מיין לעבן קיינמאָל קיין ליגן נישט געזאָגט און דיר האָב איך מיין ליבע געשוואוירן...

מאַריע—לילית: אזא שבועה טראָגט אוועק דער לייכט־סטער ווינט...

מאַניש: איך שווער דיר ביי מיין לעבן, ביי מיין יוגנט, ביי מיין נשמה... — זי גלעט אים די האָר. ער וויל זי קושן, זי שטופּט אים אָפּ.

מאַריע—לילית: שווער נאָך ווייטער, ווייטער — שמייכלט.

מאַניש: איך שווער דיר ביי מיין טאַטן,
ביי דער גוטער, פרומער מאַמען,
ביי דער באָבען, ביי דעם זיידן
און ביי אַלע נאָך צוזאַמען...

מאַריע—לילית: צוויבערט אים קאָקעטיש.
ווייטער, ווייטער,
איך וויל זיכער זיין אינגאַנצן,
ווייל א בחור קען פאַרפירן...
קען פאַרגעסן, האָב איך מורא.

מאַניש: פרעסט איר אָפּ א ליידנשאַפטלעכן קוש.
איך שווער דיר
ביי אַלדאָס הייליקסטע, ביי דער תורה!

מאַריע—לילית:
העכער, העכער!
איך וויל זיכער זיין אינגאַנצן!
טוליעט אים אין דער פּאַלערינע.

דער רעפלעקטאָר וואַרפט שנעל פאַרשידנקאָליריקע שטראַלן אויף זייערע פּנימער.

מאַניש: איך שווער דיר ביי דעם אלהייליקסטן — שטאַרק צעפלאַמט. — ביים שם „יהוה“! — א בליץ שניידט דורך די לופט. עס הערט זיך אַ געוואַלטיקער דונער־קלאַפּ.

מאַריע—לילית: שטעלט זיך האַסטיק אויף, שפּרינגט אָפּ פון מאַנישן, צעלאַכט זיך ווילד און אויסגעלאַסן: — כי, כא, כא! — גיט א צייכן די שדים: — נעמט אים!

אַלע שדים און שדיכעס לויפן ארויס פון זייערע באַהעלטעניש, צעלאַכן זיך ווילד און פאַרשייט, כאַפּן אָן מאַנישן ביי די הענט און פיס, שמידן אים אין קייטן און טראָגן אים אוועק.

מאַניש: שרייט, צאַפּלענדיק מיט די הענט און פיס: — באַנציע! שווייג נישט! שווייג נישט! — ס'הערט זיך זיין שרייען הינטער דער בינע.

כעלמער טאַנצט דורך מיט א געלעכטער.

כעלמער: בראַוואָ, לילית, בראַוואָ! — לאָזט זיך מיט איר אין א ווילדן טאַנץ. ביידע לאַכן שטאַרק.

פאָרהאַנג.

עלפט ביילד

ס'הענגט אַ פאַרכמאַרעטער הימל, בלויז דער מערב־ראַנד איז רויט צעצונדן.

ערשטע קולות: יודע פאַררעקע! יודען ארויס! פאַרברע־נען אַלע ביכער פון די אידישע קעפּ, פאַרפלוכטע יודן — ארויס!

צווייטע קולות:
א טויט דער פינצטערניש!
זאָל לעבן די פרייהייט!
נידער מיטן ראַסנהאַס!
זאָל לעבן די פעלקער-פאַרברידערונג!
נידער מיטן קריג!
זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!

ס'הערט זיך אַ געשיסעריי און געקנאַלעריי. ביסלעכווייז ווערט שטילער.

אויף דער בינע קומט ארויף דער ביאַלער רבי און אַן עדה אידן הינטער אים. וואָס האַלטן פּעקלעך אין די הענט. צווישן עולם האָבן אייניקע פאַרבאַנ־דאַזשירטע קעפּ. פאַראַן אויך פרויען און קינדער. נאָכן עולם שלעפּט זיך אויף אַ קוליע א קריגס־אינוואַליד מיט אַן אייזערנעם קרייץ אויף דער ברוסט. די מוזיק שפּילט פּיאַנאָ און זיי גייען פּאַמעלעך דורך די בינע.

ביאַלער

ביאַלער: שמע קולינו ד' אלוהינו חוס ורחם עלינו וקבל ברחמים וברצון את תפילתנו. — אָפּ. ס'קומט אַן ארבעטער - דעמאָנסטראַציע.

אַרבעטער-מאַסן: צום קאַמף צום קאַמף! — זיי טראָגן פאַרשידענע טראַנספּאַראַנטן.

1-טער אַרבעטער: ברויט און ארבעט!

מאַסע: ברויט און ארבעט!

2-טער אַרבעטער: באַפרייען די פרייהייטס-קעמפער!

מאַסע: באַפרייען! — מאַרשירן אָפּ. שרייענדיק: — נידער מיט די מלחמות, זאָל לעבן דער סאָציאַליזם! אַ טויט דעם פאַשיזם!

אַ מאַסע האַקנקרייצער פירן דורך טאַטשקעס מיט ביכער.

1-טער האַקנקר.: אַ טויט די אידן און די סאָציאַליסטן! אַלעם אויף דעם פייער!

אַלע האַקנקרייצער: אַלעם אויף דעם פייער! — א סך האַלטן האַקנ־קרייצער פענדלעך.

2-טער האַקנקרייצער: היינט וועט אין שדים-לאַנד זיין דער גרעס־טער יום-טוב, דעם אידישן גייסט האָבן מיר געפאַנגען און היינט וועלן מיר זיינע ביכער, וועלכע האָבן אונזער ראַסע פאַרפּעסטעט, פאַרברענען אויפן פייער. הייל, רייכסשד!

אַלע: הייל! הייל!

אינוואַליד קומט אָן נאָכאַמאָל. די האַקנקרייצער פאַרטשעפּען אים.

האַקנקר.: פאַרפלוכטער יודע — ארויס!

אינוואַליד: איך האָב מיין פוס אויף די שלאַכטפעלדער פאַר מיין פאָטערלאַנד פאַרלוירן... — סאַרקאַסטיש

האַקנקר.: שטופּן אים אַרויס. — ארויס, פאָרט פון היער!

אַלע אָפּ.

מ'פירט דורך אַרעסטירטע ארבעטער מיט א צעריסענער רויטער פאָן. האַקנקרייצער שלאָגן זיי.

אַרבעטער: צעכליאַסטעט. רעפלעקטאָר שיינט רויט. — שדימלאַנד ברענט! שדים-לאַנד ברענט! לויפט אָפּ. מ'הערט זיין שטימע נאָך הינטער די קוליסן.

מאַנישעס שטימע: באָנציע, שוויינ נישט! די וועלט איז אין געפאַר. — ס'הערט זיך ווידער אַ שיסעריי, געוואַלדן.

1-טע קולות: אַ טויט די אידן! אַ טויט די סאָציאַליסטן!

2-טע קולות: שדים-לאַנד ברענט, שדימלאַנד ברענט! נידער מיט דער מלחמה! פרידן! פרידן!

האקנקרייצער יאָגן אידן און ארבעטער ווילד. פאַרשידענע קולות.

פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט ש נ ע ל

עפּילאָג

צוועלפטע בילד

באַרג אַררט ווי אין ערשטן בילד. אַ שדים־באַל. ס׳גיסט זיך ווײַן. אין הינטערגרונט זעט מען פלאַקערן דאָס גיהנם־פייער. שדים טאַנצן ארום פייער. אין פאָדערגרונט קומט פאָר דער משפט איבער מאַנישן. ביי אַ רויטן טיש זיצן: אשמדאי, רייכסשד און בייזיצערס. איבער זייערע קעפּ פלאַטערט דער האקנקרייץ־פאַן אין דער פאָרם פון אַ שלאַנג. אין דער לענג און אין דער ברייט פון געריכטס־זאַל זייַנען צעהאנגען קאָלירטע באַלאָנדלעך מיט האַקנקרייץ־געמעלעכצער. אין דער רעכטער זייט געפינט זיך דער זיבנטרעפּיקער פעלזנשטיין.

א ש מ ד א י: ברענגט אריין דעם אידישן גאון מאַניש! — טרומויט־סיגנאַל. צוויי שדים ברענגען אים אריין אַ געשמידטן אין קייטן, שטעלן אים אַוועק לינקס. — און איצט ברענגט אריין זיינע חברים. — מ׳פירט אריין נאָך איניקע רעוואָלוציאָנערן, מ׳שטעלט זיי אויס לינקס. — דער רייכסשד האָט דאָס וואָרט.

ר יי כ ס ש ד: באַגריסט אים. — הייל, קעניג אשמדאי!

ה אַ ק נ ק ר.: הייל!

ר יי כ ס ש ד: הויכעס געריכט! שוין יאָרנלאַנג ווי איך מיט מיינע מיליאָנען פריינט האָבן געקלערט ווי אַזוי צו פאַנגען אין אונזער נעץ דעם אידישן גאון, דעם אידישן גייסט און אים אומשעדלעך מאַכן. הונדערטער יאָרן טאָלערירן מיר די אידן אויף דער וועלט, צופיל פרייהייט האָבן מיר זיי געגעבן און זיי האָבן די פונדאַמענטן פון שדימשן רייך אונטערגעגראָבן. זאָל דאָס הויכע געריכט פאַרנעמען: ווי לאַנג איז עס אינגאַנצן ווי די פאַרשאָלטענע אידן זיינען ארויס פון זייערע געטאָ-מויערן און שוין האָבן זיי די גאַנצע וועלט פאַרכאַפּט, אין האַנדל, אין אינדוסטריע, אין דער וויסנשאַפט, אין דער מעדיצין, אין דער פּרעסע, קונסט, טעאַטער און אויף אַלע געביטן האָבן זיי שוין זייערע ושעניען, וועלכע קאָנקורירן מיט אונז און שטופּן ארויס אונז ריינע שדים, ריינע רוחות פון אונזערע פּאָזיציעס און איך בין איבערצייגט, אַז אין קורצן וועט שוין פאַר אונז אויף דער וועלט איבערהויפּט מער קיין פּלאַץ נישט זיין.

און דאָס אַלץ איז זיי נאָך ווייניק; קומען נאָך די קינדער פון ישראל

און שטאַלצירן פאר דער וועלט מיט זייערע פארצייטיקע נביאים. און די
פארשאַלטענע און צעשטערערישע אידעען פון די דאָזיקע נביאים טוען זיי
פארשפרייטן איבער דער גאנצער וועלט. זיי, די פארשאַלטענע, וואנדערנדע
אידן, צעטראָגן ווי א פעסט זייערע פרעדיקערייען וועגן אייביקן שלום,
פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט און אזוי ארום שטעקן זיי בים־
לעכווייז אויך אָן א טייל פון אונזערע רייבלוטיקע שדים.

דעריבער מוזן מיר, הויכעס געריכט, אָנעמען די הארבסטע מיטלען
און מאכן א סוף מיט די דאָזיקע פארשאַלטענע נע ונדניקעס, דאָננער־
וועטער!

א ל ע : דאָננערוועטער!

ר יי כ ס ש ד : איצט, נאָך לאַנגער און שווערער מי און ארבעט,
א דאנק דער קעניגן לילית.. —

א ל ע : ענטוזיאסטיש — הייל, קעניגן לילית!

מאַניש גיט א טיפן זיפץ.

ר יי כ ס ש ד : זעצט פאָר. — איז אונז ענדלעך געלונגען צו
פאנגען דעם אידישן גאון, דעם גייסט, וועלכער וויל דעם גאנצן היינטיקן
וועלט־סדר שטירצן...

א ל ע : קרייץ דאָננערוועטער!

ר יי כ ס ש ד : אלזאָ, הויכעס געריכט! מיר מוזן די וועלט אויס־
רייניקן פון דער דאָזיקער פעסט — ווייזט אויף מאַנישן. — און די אי־
דישע גייסט־קעפ איינמאָל פאר אלע מאָל פארניכטן, געבן א טויט־קלאַפ
דעם פארשאַלטענעם אידישן גייסט!

אונזער לאָזונג איז: א טויט דעם אידישן גייסט!

א ל ע : א טויט דעם אידישן גייסט!

ר יי כ ס ש ד : מיר האָבן אים און זיינע הויפט־חברים געכאַפּט;
די ביכער, אין וועלכע זיי האָבן זייערע צעשטערערישע געדאנקען פאר־
שריבן, האָבן מיר רעקווירירט. און איצט, הויכעס געריכט, דארפן מיר

אורטיילן איבער זייערע קערפּערס — ווייזט אויף די ארעסטירטע — און
אויך איבער זייער גייסט — ווייזט אויף די ביכער.

אַ ש מ ד א י : וואָסערע שטראָף לייגט פאָר דער רייכספּראָקוראָר?

ר יי כ ס ש ד : איך וואָלט אייגנטלעך געאורטיילט — שטרענג:
זיי צוזאַמען מיט זייערע ביכער דאָרט אויפן גיהנם־פייער צו
פארברענען.

מ אָ נ י ש : סארקאַסטיש — כאַ, כאַ, כאַ, כאַ!

ש ד י ם : בייז. — פארפלוכטער!

ר יי כ ס ש ד : קלאַפּט אין טיש. — איר זעט אידישע חוצפה?
יאָ, מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק האָט מען עפנטלעך געברענט און
געבראָטן די דאָזיקע פארשאַלטענע וואָגלער און וועלטן חרוב־מאכער. מען
האָט געמיינט, אז מ'איז שוין פון זיי אויף שטענדיק פּטור געוואָרן. ליי־
דער ווייזט זיך ארויס, אז זיי, די וועלט־צעשטערער, לעבן נאָך און זייער
גיפטיקע השפּעה אויף דער וועלט וואקסט, זייער מאַכט און איינפלוס איז
ריזיק גרויס און גיסטו נאָר איינעם פון זיי א ריר אָן, ווערט באלד א הימל
שרייענדעה רעש איבער דער וועלט. דאָננערוועטער!

א ל ע : דאָננערוועטער!

ר יי כ ס ש ד : דעריבער איז מיין מיינונג פאָלגנדער: מיר זאָלן
זיי אלע ווי איין מאן ארויסטרייבן פון אונזער שדים־לאנד און זייערע
ביכער זאָלן מיר אין גיהנם־פלאם עפנטלעך פארברענען.

א ל ע : בראוואָ! בראוואָ!

ר יי כ ס ש ד : און זאָל אונזער ריינע נאָבעלע שדים־יוגנט זען,
ווי די אידישע פאלשע תורות און אידעען ווערן עפנטלעך אויסגעראָטן,
און זאָל איינמאָל פאר אלע מאָל די וועלט באפרייט ווערן פון דעם אי־
דישן חרוב־מאכנדיקן גייסט. דאָננערוועטער!

א ל ע : קרייץ דאָננערוועטער נאָך א מאָל!

מ אָ נ י ש : באוועגט מיט דער האַנט און עס קלינגען די קייטן.
דעם גייסט קאָן מען נישט פארברענען! קיין שום כוח אין דער וועלט
איז נישט אימשטאנד צו פארטיליקן די נביאישע אידעען און אָפּצוהאלטן
זייער פארווירקלעכונג.

אשמדאי: אידישע חוצפה! ווער האָט דיר דאָס וואָרט געגעבן?

מאַניש: מיר האָבן קיינמאָל נישט געוואַרט, אז איר זאָלט אונז געבן רשות צו ריידן, מיר האָבן צו זאָגן דער וועלט אונזער אמתדיק וואָרט, נישט וואַרטנדיק אויף אייער דערלויבעניש. מיר וועלן אונזערע אידעען...

אלע האַקן אים איבער. — אייערע אידעען...

מאַניש: א טאָן העכער — יאָ, אונזערע אידעען!

אשמדאי: איבעראַל שטעקט איר אָן מיט אייערע אידעען...

מאַניש: מיר זיינען נאָך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געגאַנגען אין גלות אריין, מיר האָבן זיך איבער דער וועלט פאַרשפּרייט, אָבער אונזערע גייסטיקע אוצרות האָבן מיר תמיד מיטגעפירט מיט זיך איבער אַלע אונזערע וואַנדער־וועגן. אַנשטאָט צו שאַרפן שווערדן, האָבן מיר געשאַרפט אונזער מוח און די דאָזיקע „קאָנטראַבאַנדע” האָט קיינער אונז נישט געקענט אוועקנעמען אויף די גרענעצן פון אייערע מדינות. דורך דורות שקלאַפעריי בויערט זיך דורך אונזער אידעע פון וועלט-גערעכטיקייט.

רייכסשד: שווייג, פאַרשאָלטענער!

מאַניש: ניין! איך וועל נישט שווייגן. איך מוז מיין געטלעך וואָרט אין דער וועלט טראָגן און זאָל זי אויפציטערן.

רייכסשד: שווייגן! — איינער פון די שדים פאַרשטופּט אים דאָס מויל.

רייכסשד: נאָך אַ גאַנץ קורצער באַראַטונג מיט אשמדאי און בייזיצנדע. לעזט מיט פּאַטאָס: — אין נאָמען פון געזעץ און אָרדענונג זאָל מען אַלע אידן פון אונזער שדימלאַנד אַרויסטרייבן, אויך זאָל מען פאַרברענען אַלע ווערק פון די דאָזיקע אידישע פאַרשאָלטענע גייסטער און אויך די ביכער, וועלכע זיינען נאָר אָנגעשטעקט מיט עפּעס פון די מיט שפּאָט — „אידישע נביאים” דאָננערוועטער!

אלע: דאָננערוועטער!

רייכסשד: פייערלעך. — הויכער געריכט! — צו דער גאַלעריע: ברידער און שוועסטער! היינט איז דער גרעסטער יום טוב פון דער וועלט-געשיכטע! היינט ווערט אין אונזער שדים-לאַנד פאַרברענט דער צעשטערערישער אידישער — מיט שפּאָט — נביאישער גייסט! זאָפּאָרט

די פאַרניכטונג פון אידישן גייסט. — ריטמיש, מיט מיליטערישער קאָמאַנדע:

זאָאָאָאָ—פּאָרט! — ביים „פּאָרט” וואַרפט מען אריין די ביכער. א פלאַם זעצט ארויס פונם פייער־גרוב. ס'שפּילט טיוּוּלאָנישע מוזיק און ארום פלאַם גייט אָן א ווילדער שדים־קאַראַהאָד. אויף מאָנישעס פּנים פאַלט א רויטער שיין פון פייער. ער קוקט שטאַר. די צושויער פּלעסקען צו מיט די הענט. עס הערט זיך אן עכאָ: שדימלאַנד ברענט! שדימלאַנד ברענט!

מאַניש: נאָכדעם ווי די קולות ווערן שטילער: — אונזערע ביכער ברענען, אָבער דער פלאַם און רויך פון די פליענדעקע פייערדיקע אותיות וועט זיך איבער דער גאַנצער וועלט פאַרשפּרייטן און דאָס גאַנצע שלעכטס אויסברענען און אַ נייע, בעסערע וועלט וועט קומען, אַ וועלט. וועגן וועלכער עס האָבן געטרוימט די אַלטע און נייע נביאים פון דער מענטשהייט. איר קענט אונזערע קערפּערס ברענען און בראָטן, איר קענט אונז טרייבן און יאָגן פון לאַנד צו לאַנד, אונזער אמת איז אומבאַזיגבאַר. אַלץ וואָס לעבט און אַלץ וואָס שטרעבט באַהעפט זיך צו אונזער וועלט אמת. אין דעם דאָזיקן גיהנם-פייער, אין וועלכן איר האָט געטראַכט דעם אמת צו פאַרברענען, וועט איר אַליין פאַרברענט און פאַרשרפהט ווערן. שטרעקט אויס די האַנט צום פייער. מיט פּאַטאָס. — דאָס דאָזיקע פייער וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין ליכטנדע פאַקלען פאַר אַ בעסערער וועלט, פאַר אַ וועלט פון יושר, ליבע און שלום!

פון אונטן קומען אָן די מחנות ארבעטער און פּויערן מיט קאָסעס און האַמערס. אַלע ראַסן: חינעזער, שוואַרצע, ברוינע און געלע מיט זייערע פּויערן. האַלטן אין די הענט נישט אָנגעצונדענע פאַקלען ווי אויך גרינע צווייגן־בלעטער. מאַרשירן אויף מיטן געזאַנג פון פרייהייטס-לידער. די האַקנקרייץ־באַלאָנען איבערן טיש פּלאַצן, די שדים דערשרעקן זיך, ס'ווערט א שרעקלעך צעמישעניש. מאַרשירנדער המון דערנענטערט זיך. מאָנישעס פּנים לייכט אויף, ער גלייכט זיך אויס. ס'הערט זיך אַ טרומייטן-בלאָז. שדים צעלויפן זיך אין גרוים בהלה. די מאַסן מיט באַנציע שווייג בראש קומען אָן, צינדן אָן זייערע פאַקלען ביי די ברענענדיקע ביכער. באַנציע שווייג צערייסט די קייטן אין וועלכע מאָניש איז געשמידט. מאָניש צערייסט די געשמידטע קייטן פון זיינע דריי חברים. אויף די זיבן טרעפּ פון פעלזנשטיין שטעלן זיך אויס אין פאָלגנדן סדר: גאַנץ אויבן — מאָניש, פון זיין רעכטער זייט — דער ביאַלער רבי מיט א פאַקל און א ספר אין האַנט, פון זיין לינקער זייט באַנציע שווייג מיט אַ האַמער און פאַקל. אַ טרעפּל נידעריקער — זיין מוטער און דער ווייסער מלאך, נאָך אַ טרעפּל נידעריקער, פון דער רעכטער זייט —

די דריי נייטאָרנס אַהומגענומען, ווי צונויפגעפלאָכטן. קעגנאיבער זיי — בערל חנציעס מיט א פאקל און א גרינער פאלמע. מאַניש קוקט אַראָפּ צו דער מאַסע, רעדט מיט נביאישער באגייסטערונג:

מ אָ נ י ש : אַ נייע זון גייט אויף אויף דער ערד, נייע לידער הערט מען זינגען איבער דער וועלט. ס'הויבן אָן מקוים צו ווערן די רייד פון די אלטע און נייע נביאים, די פעלקער הייבן אָן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אקעראייזנס און זייערע שפּיזן אויף גאָרטנמעסערס. אַ פאָלק קעגן א פאָלק וועט נישט אויפהייבן קיין שווערד, זיי וועלן נישט לערנען מער קיין מלחמה — ס'קלינגען אָפּ האַמער־קלאַנגען פון אַ שמיד. די וועלט וועט ווערן פול מיט גייסט פון גערעכטיקייט, ס'וועט געשלאָסן ווערן א בונד פון שלום אויף אייביק, אייביק.

ד י מ אַ ס ע : אַ שלום אויף אייביק, אייביק!

די בינע ווערט טונקל. אין דער טונקלקייט זעען זיך בלויז די אויפגעהויבענע פאַקלען און פּאַלמען־צווייגן. אויבן, איבער מאַנישעס קאָפּ באוויזט זיך דער פ ר ץ-ג יי ס ט מיט אויסגעשפּרייטע הענט איבערן גאַנצן המון. ער רופט אויס נביאיש:

פ ר ץ-ג יי ס ט :

אַלע מענטשן זיינען ברידער,
רויטע, געלע, שוואַרצע, ווייסע,
לענדער, פעלקער און קלימאַטן,
ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה.
שוואַרצע, ווייסע, רויטע, געלע,
מישט די פארבן אויס צוזאַמען
אַלע מענטשן זיינען ברידער,
פון איין טאַטן, פון איין מאַמען.

אַ ל ע : אין אַ צעזונגענעם התלהבותדיקן כאָר.

אַלע מענטשן זיינען ברידער
פון איין טאַטן, פון איין מאַמען!

נעמען זיך אָן ביי די הענט פעסט צוזאַמען, שרייען אויס:

שלום! שלום! שלום!

פ אָ ר ה אַ נ ג

$ 1.00

WOLF BRESLER

"MONISH"

Obra dramática en 3 actos y 12 cuadros con prólogo y epílogo

Talleres Gráficos "CULTURA" — Sarmiento 2157, Buenos Aires.